STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04854

BAM ALTN BRUNEM

Yoysef Shuster

Permanent preservation of this book was made possible
by Rhoda Yucht Kaplan
in memory of
Sarah & Julius Yucht

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד" № 10

בײַלאגע פון זשורנאל נומ. 10, 1981

יויסעף שוסטער

באם אלטן ברונעם

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" • מאָסקווע • 1981

אונטער דער אַלגעמײנער רעדאַקציע
פון אַרן ווערגעליס

יוסעף שוסטער איז געבוירן געוואָרן אין 1917 אינעם שטעטל טשעמעראָווצי, אויף פּאָדאָליע (איצטיקער כמעלניצקער געגנט). נאָכן פאַרענדיקן די זיבניאָריקע שול געאַרבעט אין אַ יידישן קאָלווירט אין נײַ־זלאָטאָפּאָליער ראַיאָן, זאַפּאָראָזשיער געגנט. אין 1934 אָנגעקומען זיך לערנען אין כאַרקאָווער צײַטונגס־טעכניקום און אין 1938 הינטערוויגיק — אינעם כאַרקאָווער זשורנאַליסטן־אינסטיטוט. אין מעשעך פון דער צווייטער העלפט פון די 30־ער יאָרן געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין די צײַטונגען „קאָלווירט־שטערן“ און „דער שטערן“ און אין די 40־ער יאָרן — אין דער מאָסקווער צײַטונג „אייניקײַט“, שפּעטער אינעם פאַרלאַג „פיזקולטור און ספּאָרט“. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַרבעט ער אין רעדאַקציע, אין די לעצטע יאָרן — אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע. פאַרעפנטלעכט פיל פאַרצײַכענונגען, רעפּאָרטאַזשן, אַרטיקלען איבער פראַגן פון קונסט. וווינט אין מאָסקווע.

די דינאַסטיע גורפינקעל

קיינער פון די געסט, וועלכע זײַנען געזעסן אַרום טיש בײַ די גורפינקעלס אין שטוב, האָט ניט באַמערקט, ווי לאַנג עס האָט זיך פאַרצויגן דער שמועס. אַבראַם קאַסילעוויטש האָט דער ערשטער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און, אַנטשולדיקנדיק זיך, אַ זאָג געטאָן.

— ס'איז מיר שוין צײַט צו גיין אויף דער אַרבעט...

ער איז אַוועק אין צווייטן צימער און אין אַ מינוט פינף אַרום זיך אומגעקערט פון דאָרט אין איבערגעטאָנענער אין אַ ווײַס אָנגעקראָכמאַליעט העמד מיט אַ פריש־אויסגעפּרעסטן שניפּס.

נאַדיעזשדאַ וואַסיליעוונאַ ווייסט אַבראַשעס אומרויִקן כאַראַקטער, דעריבער פאַרהאַלט זי אים ניט אויף קיין איין מינוט. זי האָט עס שוין פון וויפל יאָרן באַמערקט, אַז אַלעמאָל, אַ שעה פאַרן אַרויסגיין פון דער שטוב, איז ער שוין מיט אַלע זײַנע מאַכשאָוועס דאָרט, אין זײַן צווייטער היים — אין טעאַטער.

אַבראַם קאַסילעוויטש האָט, ווי געוויינלעך, אַ נעם געטאָן דעם פידל, געזעגנט זיך מיט די געסט און געזאָגט דער פרוי:

— הײַנט, נאַדינקע, וועל איך זיך אומקערן שפּעטלעך. אַ גרויסער ספּעקטאַקל, מיר שפּילן „קניאַז איגאָר".

פון שטוב זײַנען מיר אַרויס זאַלבעצווייט. מיט אַ פּאָר קוואַרטאַלן ווײַטער פון אָט דעם לענגלעכן פּילשטאָקיקן הויז, אין וועלכן ס'וווינען אַרטיסטן, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין מעטראָ, און ערשט דאָ, אין צוג פון דער אונטערערדישער באַן, האָבן מיר, פאָרזעצנדיק אונדזער שמועס, זיך דערוווּסט, אַז מיר זײַנען גאָר קימאַט לאַנדסלײַט: ער, אַווראָם גורפינקעל, איז געבוירן געוואָרן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, און איך — אין טשעמעראָוועץ, אַ קליינמעטער פערציק פון אָט דער געוועזענער גובערניע־שטאָט.

פאר די אײַנװױנער פון די אַרומיקע שטעטלעך איז קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אין יענע יאָרן געװען אַ קראַך. אונדז, שילער, פלעגט מען אַהין פירן מיט װעגענער אױף עקסקורסיעס צו דער באַרימטער אַלטער פעסטונג, דעם אַר־כיטעקטור־דענקמאָל פון XIV יאָרהונדערט, צו די טעראַסאַרטיקע, פעלדזיקע ברעגן פונעם טײַך סמאָטריטש, אַרום װעלכן דער לעגענדאַ־רער אױסטים קאַרמעליוק האָט אױפגעהאַלטן זײַנע פױערישע אױפשטענד־לער, װאָס האָבן געקעמפט קעגן דעם װילקיר פון די פּױלישע און אוקראַי־נישע פּריצים — לײַבייגנטימער.

— װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? — דערטראָגט זיך צו מיר אין געראַש פונעם װאָגאָן גורפינקעלס קאָל, — פאַר די פיר צענדליק יאָר, װאָס איך אַרבעט אין „באָלשאָי" בין איך אױסגעפאָרן קימאַט גאַנץ אײראָפּע, געװען אין אַמעריקע, יאַפּאַן, און אומעטום זע איך פאַר מײַנע אױגן די שטאָט פון מײַן קינדהײט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דאָרט האָב איך, אַ זעכצניאָריק ייִנגל, נאָכן פאַרענדיקן די מאָסקװער גנעסין־שול, געגעבן דעם ערשטן אין מײַן לעבן קאָנצערט...

מיר זײַנען גאַנץ גיך דערפאָרן צו דער מעטראָ־סטאַנציע „פּראָספּעקט מאַרקסאַ", װאָס אײנער פון אירע אַרױסגאַנגען פירט צום סקװער פונעם באָלשאָי טעאַטער. אין צענטער פון דעם סקװער פינקלען צעדרויבלט־װײַסע װאַסער־שפּריצן פונעם גרױסן פאָנטאַן. באַלויכטן מיט דער פאַר־באַכטיקער זומער־זון, אַנטפּלעקן זײ אין זיך אַ דורכזיכטיקן פילקאָליריקן רעגנבױגן — פּונקט אַנטקעגן דער קװאַדריגע צעהיצטע פערד, װעלכע גיבן צו דעם פראָנטאָן פונעם טעאַטער־פּאַלאַץ סײַ מיטאָלאָגישע אױס־טערלישקײַט, סײַ רעאַליסטישע מאָנומענטאַלקײַט.

פון דעם זעלבן סקװער, װאָס זעט איצט אױס אַזױ מאָלעריש־שײן, איז אַבראַשע גורפינקעל אין גרױזאַמען האַרבסט פון 1941, צוזאַמען מיט אַנ־דערע אַרטיסטן פונעם טעאַטער, פרײַװיליק אַװעק בויען שוץ־ליניעס אַרום דעם ייִשעװ צאַריצינאַ, אױף דאָרעם פון מאָסקװע.

נאָך דער מילכאָמע איז דער סקװער באַװוסט געװאָרן אין די סאַמע װײַטסטע װינקעלעך פונעם לאַנד, װי אַן אָרט פון רירנדיקע באַגעגענישן. אַהער קומען זיך צונויף יעדן 9 מײַ, בײַס די פײַערונגען פונעם ניצאָחן איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, טויזנטער געװעזענע פראָנטאָװיקעס. דער לירישער פאָנטאַן איז אַן אײדעס פון אָן אַ שיר געשיכטעס, דערמאָנונגען, איבערלעבונגען...

דער זײגער איז שױן אָן אַ פערטל זיבן. אין פופצן מינוט אַרום װעט זיך אָנהײבן דער ספּעקטאַקל, און ער, אַבראַם קאַסילעװיטש גורפינקעל,

וועלכער שפּילט די ערשטע פידל אינעם הונדערטקעפּיקן אָרקעסטער, וועט, לויטן ווונק פונעם דיריזשאָר סעמיאָנאָווס קישעף־שטעקעלע, אָנהייבן די אוווערטיורע צו דער אָפּערע „קניאז איגאָר”.

אבראם גורפינקעל איז א פידלער פון א הויכן קלאַס. און ניט צופעליק רעדן וועגן אים מעווינים און שעצער פון דער מוזיקאלער קונסט ווי וועגן אן ערשטקלאסישן מײַסטער פון דער אָרקעסטער־ און אנסאמבל־שפּיל. ווען מע וויל אין „באָלשאָי” אונטערשטרײַכן באַזונדערס גרויסע פּייִקײַטן פון א מוזיקאנט, זײַן קענען גלענצנדיק שפּילן גלײַך פון דער פּארטיטור, זאָגט מען, אז ער איז מיט עפּעס ענלעך צום פידלער פונעם אָפּערע־אָרקעסטער אבראם גורפינקעל.

מיט יאָרן צוריק, ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער בארימטער פידלער־אנסאמבל פונעם באָלשאָי טעאטער, האָט גורפינקעל גענומען ניט נאָר דאָרט שפּילן, נאָר אויך שאפן באארבעטונגען פון א ריי מוזיקאלע ווערק, וועלכע זײַנען אַף לאנג ארײַן אינעם רעפּערטואר.

וועגן גורפינקעלס שפּילן דערציילט זײַן קאָלעגע — דער קאָנצערט־מייסטער, דער פאָלקס־ארטיסט פון רספסר איגאָר סאָלאָדויעוו:

— שפּילן אין אָרקעסטער צוזאמען מיט אבראם גורפינקעלן איז א פארגעניגן. ער איז שטענדיק ביז גאָר אופמערקזאם, איבערגעוויינלעך בייגעוודיק, פּארמאָגט אן אויסשליסלעך „אײַזערנעם ריטם”, כ'וואָלט זאָגן — א מין „ספּאָרטיווע” רעאקציע... אונדזערע דיריזשאָרן שעצן הויך גורפינקעלס מוזיקאלע מײַסטערשאפט. די ספּעקטאקלען, וועלכע ער פירט אָפּ אלס קאָנצערטמייסטער, גייען, בעדערעך קלאל, דורך אָן שום פּגימעס.

אזא איז ער, דער באשיידענער, געזעלשאפטלעך־אקטיווער, אופריכטיקער און טאלאנטירטער מענטש, וועמענס גרונט־ציל אין לעבן איז די מוזיק־קונסט.

און געווען איז דער וועג פאר אבראשע גורפינקעלן, דעם זון פון אן אָרעמען מעשוירער, א לאנגער און שווערער אין די באדינגונגען פון דער קאמענעץ־פּאָדאָלסקער פּראָווינץ.

זײַן טאטע קאסיל גורפינקעל, איז געווען א מענטש מיט א גוט הארץ, דערצו מיט אינערלעכן כיין, מיט פייִקײַטן צו געזאנג און פידל־שפּיל. פון קלעזמערײַ האָט מען אים דעמלט, צוליב זײַן שוואכן געזונט, אָפּגעזאָגט. איז ער געוואָרן א מעשוירער. נאָר דאָך פלעגט ער צײַטנווײַז זיך ארײַנכאפּן אַף א כאסענע און אָפּשפּילן א וויוואט.

שוין א טאטע פון צוויי קליינע קינדער, האָט ער זיך אָנגעדונגען פאַר א מעשוירער צום כאַטינער כאַזן. אהין אין שטעטל באַם דניעסטער, פלעגט ער פאָרן אלע שאבאָסים און יאָמטויווים.

אין דער היים, אין די אינדערוואָכנס, האָט ער זיך ניט צעשיידט מיטן פידל. שפילן, אימפּראָוויזירן — מיט נאָטן און אָן נאָטן, אבי שפּילן. צוּען די כאַיונע פון מעשוירערײַ, וואַרטן וואָס דער באַלעבאָס וועט דיר אונ־טערוואַרפן, איז געווען ניט גרינג. קיין אנדער מעלאָכע האָט ער אין יענע אומשטענדן ניט געקענט פאַר זיך געפינען. פלעגט ער איבערזיצן אין דער היים ביז דאַנערשטיק־פרײַטיק און ווידער פאָרן קיין כאַטין.

און אָט האָט די רעוואָליוציע זיך דערטראָגן אויך קיין קאַמענעץ־פאָדאָלסק און צו די ארומיקע שטעטלעך. אין איינעם א זונטיק, ווען קאַ־סיל האָט זיך אומגעקערט פון כאַטין אהיים, האָט אין דער שטאָט געקאָכט, ווי אין א קעסל. פון דער פאָטשטאָוער גאַס, ווו די גורפינקעלס האָבן געוווינט, און פון אנדערע גאַסן און געסלעך האָבן, ווי ריטשקעס אין פרילינג, זיך געצויגן מענגעס מענטשן צו דעם גובערנאַטאָרסקע פּלאַץ, און דאָרט, צונויפגיסנדיק זיך, ווי אין איין גרויסן טײַך, האָט דער האַ־מוין מאַניפעסטירט. דעמלט האָט אויך קאַסילן אָט דער מענטשן־שטראָם דערטראָגן צו די רויטפאָניקע רייען. דאָ האָט קאַסיל דערזען אף די פּלייצעס פון די דעמאָנסטראַנטן דעם אָפּגעדרוקטן אף שטײַפן פּאַפּיר „אינטערנאַציאָנאַל", קעדיי אלע זאָלן אים קאָנען זינגען. קאַסיל האָט העכער אופגעהויבן דעם קאָפּ, און, אריַינדרינגענדיק אינעם טעקסט, טעמפּעראַמענטפול געגומען זינגען. דאַכט זיך, קיינמאָל האָט זײַן קאָל אזוי שיין ניט געקלונגען, ווי איצט.

פון דער מאַניפעסטאַציע האָט קאַסיל גורפינקעל זיך אומגעקערט אהיים א באַפליגלטער און דרייסטער. אין זײַן איידעלן געהער פון א מוזיקער האָט פריש זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן דער „אינטערנאַציאָ־נאַל" — דער מאָטיוו פון דער רעוואָליוציע, וועלכן דער אופגעוואַכטער האַמוין האָט אָקאָרשט מיט היספּײַלעס געזונגען אין דער מאַניפעס־טירנדיקער קאָלאָנע. און ניט וויסנדיק נאָך אלע ווערטער אף אויסווייניק, האָט ער קלאָר און דײַטלעך ארויסגערעדט די שורע:

> דער ארבעטס־מאַן וועט זײַן מעמשאָלע
> פאַרשפּרייטן אף דער גאַנצער ערד,

יויכעוועד האָט א פאַרוווּנדערטע געקוקט אף איר מאַן. צום ערשטן מאָל זעט זי אים אזא. ס'איז ער, צי ניט ער? קאַסילס מילדע און ווייכע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט אין א נײַער שײַן.

— ניין, יויכעוועד־לעבן, — האָט ער פּאַרטרווילעך און שטיף אַ זאָג געטאָן, — מער קיין כאָטין פאַר איך ניט. אויס כאַזאַנעס, אויס מעשוירער. איך ווער אַ זעלבשטענדיקער מענטש.

יויכעוועד האָט אַף אים געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן:

— און די קינדער, קאַסיל? און אַפן שטיקל ברויט, ווו וועסטו פאַר־דינען?

ער האָט אַראָפּגענומען דעם פידל פון דער וואַנט און אָנגעהויבן שפּילן, קעדיי זיך דערפילן שטאַרקער און היימישער. די קינדער האָבן ליב געהאַט דעם טאַטן, ניט אַזוי פאַר די באַשיידענע מאַטאַנעס, וואָס ער פלעגט זיי פון מאָל צו מאָל ברענגען פון כאָטין, ווי פאַר זײַן זינגען און שפּילן. אוורעמל איז געווען עלטער פון דער שוועסטער און שוין צו פיר יאָר אַרויסגעוויזן נייגונג צו מוזיק. דער טאַטע, דער ערשטער לערער זײַ־נער, האָט אײַנגעפלאַנצט אין אים די נאַטירלעכע ריטמען. דעם „ניגן פון דער נעשאָמע״.

מיטן אָנקום פון אַ נײַער וואָך, אַפן אַנדערן טאָג נאָך דער מאַניפעס־טאַציע, איז קאַסיל אַרויס אין דרויסן, אַף דער אופגעלעבטער פּאָטשטאָוו־קע. מענטשן האָבן געטײַנעט, אַז עס גייט אַ נײַ לעבן, מע וועט באַזאָרגן אַלעמען מיט אַרבעט, ס'וועלן זיך עפענען שולן פאַר קינדער, קלובן פאַר דערוואַקסענע.

אינגיכן האָט אין דער אַלטער טייל שטאָט טאַקע זיך געעפנט אַ יידי־שע שול, אין וועלכער מע האָט אײַנגעפירט געזאַנג און מוזיק. פאַר אַ לערער האָט מען אײַנגעלאַדן קאַסיל גורפינקעלן.

דער ערשטער טאָג, ווען קאַסיל איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול, איז געווען פאַר אים דער גליקלעכסטער אין לעבן. ער האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ נײַע וועלט מיט גאָר אַן אַנדער אַרומרינג־לונג — לערער, שילער, קלאַסן, און ער אַליין, דער נעכטיקער מעשוירער קאַסיל גורפינקעל, איז אויך ווי נײַ־געבוירן, ער איז געוואָרן אַ מענטש מיט אַן איידעלער פּראָפעסיע, מיט אַ כאָשעווון נאָמען. ניט קאַסיל מעשוי־רער, נאָר דער לערער גורפינקעל. אַזוי האָבן אים טאַקע פון אָנהייב אָן גערופן די שילער פון אַלע קלאַסן, וועלכע ער, דער ערשטער, האָט גע־לערנט זינגען לידער פון דער רעוואָליוציע — קאָמפּעריש, פּראָלעטאַרי־שע.

דעם העלן טאָג אַנטקעגן, — כאַוויירים, קומט אין שטרײַט,
מיט מוט אַף נײַע וועגן — ניצאָכן איז ניט ווײַט.

ער, דער לערער, איז געווען באַזונדערס באַגײַסטערט, זעענדיק, ווי זײַנע שילער, די קאָמענעצער פּיאָנעריע, אין ווײַסע בלוזעס מיט רויטע האַלדזטוכן, מאַרשירן איבער די גאַסן פון דער שטאָט און זינגען רעוואָ־ליוציאָנערע לידער.

שפּעטער האָט ער אײַנגעפירט נײַע פאָרמען פון פאַרשפּרייטן די וואָ־קאַלע און מוזיקאַלישע קונסט צווישן דער יוגנט. ער גרינדעט אַ גרויסן כאָר בײַ דער זיבעטער יידישער מיטלשול און אַ סטרונע־אָרקעסטער מיט אַן אַנסאַמבל פון יונגע פידלער בײַם שטאָטישן פּיאָנערן־קלוב. אין אָט די קרײַזן האָט מען אַרײַנגענומען שילער פון פאַרשיידענעם עלטער: זאָלן אַלע זינגען און שפּילן, ווער עס וויל און קען. קאַסילס קינדער, אַווראַמל און דינע, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט זיך אויסגעטיילט מיט זייערע מוזי־קאַלישע פעיִקייטן, האָבן געשפּילט אין סטרונע־אָרקעסטער און אין פידלער־אַנסאַמבל: אַווראַמל — אויף אַ פידל, דינע — אויף אַ וויאָלאָנטשעל.

דער אינדיווידועלער צוגאַנג צו יעדערן פון די אָנטיילנעמער אינעם כאָר און אין אָרקעסטער האָבן געהאָלפן דעם לערער גורפינקעל שפּאָר־זאַם צו פאַנאַנדערטיילן די וואָקאַלע קויכעס אינעם אַנסאַמבל. ווען זײַנע שילער זײַנען שוין צוגעוווינט געוואָרן צו די רעפּעטיציעס און אָנגעהויבן זינגען פרײַ, מיט אַן אָפן מויל, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם פאַרלאַנג, אַז דער פאַרייניקטער שול־כאָר זאָל ווערן איינער פון די בעסטע צווישן די כאָרן פון דער שטאָט.

— זינגען דאַרף מען, — פלעגט ער לערנען זײַנע שילער, — שיין, גע־לאַסן, מיט ריכטיקע איבערגאַנגען, מיט דער מעטאָדע פון קאָנטראַפּונק־טע, אין צוויי, דרײַ און אַפילו אין פיר שטימען...

דאָס מוזיקאַלע וואָרט „קאָנטראַפּונקטע" האָבן די שילער געהערט צום ערשטן מאָל, נאָר אויפגענומען האָבן זיי עס ווי אַ היימישע אייצע, וואָס דער גוטהאַרציקער לערער גיט זיי.

אין שטאָט, אינעם אַרבעטער־קלוב האָט מען געשמועסט, אַז ווען עס טרעט אַרויס דער קינדער־כאָר, איז אַ פאַרגעניגן צו הערן. און ניט זעלטן פלעגט טרעפן: די פּראָגראַם פונעם כאָר און אָרקעסטער איז שוין אויס־געשעפּט, אָבער דער עולם הערט אַלץ ניט אויף צו אַפּלאָדירן. דאַן פלעגט, אַ צופרידענער, זיך באַווײַזן מיט זײַן פידל אויף דער בינע דער לערער אַליין.

אויף איינעם אַזאַ זעלבסטטעטיקן אָוונט אינעם שטאָטישן אַרבעטער־קלוב, ווען קאַסיל האָט ווירטואָזיש אויסגעפּילט זײַנע וואַריאַציעס צו יידישע פאָלקס־מאָטיוון, באַמערקנדיק זיך אַרויסצוציען פונעם פידעלע די צאַרט־

סטע מוזיקאַלע ניואַנסן, האָט איינער אַ פאַרברענטער ליבהאָבער פון פידל־שפּיל, ניט אויסגעהאַלטן און זיך געווענדעט צום זאַל.

— אַ? וואָס ט'איר זאָגן, כאַווייריםן? ס'איז דאָך מאַמעש אונדזער קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער פּאַגאַניני!

קאָסיל איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען אַ באַשיידענער, ניט וואַגנדיק אַפילע אָפּצווישן דעם שוויים פונעם מאָגערלעכן געזיכט מיטן הויכן שטערן, גלייך ווי די אַפּלאָדיסמענטן פונעם זאַל זיינען געווען געווענדעט ניט צו אים, נאָר צום מייסטער, וועלכער האָט אויסגעשניצט דעם פידל.

וואָס איז שייעך אורעמלען און דינען, וועלכע האָבן אין שטאָט געהאַט אַ שעם פון וווּנדערקינדער, האָט זיי דער לערער גורפינקעל קיינמאָל פונעם קינדער־אָרקעסטער ניט אויסגעטיילט.

אַבראַם קאָסילעוויטש דערמאָנט איצט אַ גליקלעכן עפּיזאָד, ווען ער, זיין שוועסטערל און דער טאַטע זיינען אַף איינעם אָן אָוונט אַרויסגעטראָטן זאַלבעדריט. די אומפאַרגעסלעכע טריאָ־שפּיל איז ביז היינט נאָך פאַרבליבן אין זיקאָרן. אַ שאָד, וואָס קיינער האָט דעמלט קיין פּאָטאָגראַפיעס ניט געמאַכט און ס'זיינען ניט געווען קיין מאַגניטאָפאָנען אַף צו פאַרשרייבן מוזיק.

אין יענעם זומער איז דער באַוווּסטער אַף פּאָדאָליע מוזיקאַנט און פּעדאַגאָג פּאַדיי גאַניצקי, אַן איינגעליבטער אין אורעמלען, צוגעשטאַנען צו זיין קאָלעגע קאָסיל גורפינקעל, ער זאָל שיקן דאָס ייִנגל קיין מאָסקווע זיך לערנען אין דער גנעסין־שול. גאַניצקי האָט אַפילע זיך אונטערגענומען אַ געוויסע צייט צו געבן אים טעאָרעטישע און פּראַקטישע צוגאָבלימודים פון פידל־שפּיל.

און אַבראַשע איז טאַקע אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט אָרדנט ער זיך איין אַלס מוזיקאַנט אינעם דראַמאַטישן טעאַטער פון די פּראָפאַריינען און גייט גלייכצייטיק אָפּ עקזאַמענעס אין דער בעסטער פּעדאַגאָגישער מוזיק־שול פונעם לאַנד — אין קלאַס פונעם באַוווּסטן פּעדאַגאָג יעליזאַוועטע פּאַבּיאַנאָווגע גנעסינאַ. אַוואַדע איז שווערלעך באַטאָג זיך לערנען און אין די אָוונטן שפּילן אין טעאַטער, אָבער אַבראַשע גורפינקעל איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, צום אָלימפּ פון דער מוזיקאַלער קונסט.

אין 1935 האָט אַבראַם גורפינקעל פאַרענדיקט די גנעסין־שול, און דער פּראָפעסאָר אַבראַם איליטש יאַמפּאָלסקי, וועלכער איז בייגעווען אַף די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס, האָט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג זיין דיפּלאָם־

אַרבעט. באַזונדערס האָט אויסגענומען דעם פידלערס אויספּילערישע מאַניר, זײַן הויכע און רײַפע טעכניק.

אויף דעם פּראָפעסאָרס פראַגע, וואָס ער קלערט צו טאָן ווײַטער, האָט גורפינקעל געענטפערט:

— אַרבעטן...

דער פּראָפעסאָר האָט גוטמוטיק אונטערגעזאָגט:

— אײַער ווײַטערדיקער וועג, יונגערמאַן, איז די מעלוכע־קאָנסערוואַטאָריע אויף טשײַקאָווסקיס נאָמען.

קיין איבעריקע שוואַכים האָט דער פּראָפעסאָר ניט אַרויסגעזאָגט, ער איז אָבער געווען איבערצײַגט, אַז אַזאַ פידלער, ווי גורפינקעל, איז פאַר דער קאָנסערוואַטאָריע ווי אָנגעמאָסטן. און ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס אויף אויסגעצייכנט, איז אַבראַשע גורפינקעל פאַרעכנט געוואָרן אַלס סטודענט טאַקע אינעם קלאַס פון דעם פּראָפעסאָר יאַמפּאָלסקי.

אין יענעם אָסיען פון 1935 איז אויך דינע, די מעזינקע, אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, און זי האָט, קאָן מען זאָגן, פאַרטראָטן דאָס אָרט פון איר ברודער — דעם געוועזענעם שילער אין דער זעלבער גנעסין־שול — אינעם קלאַס פאַר וויאָלאָנטשעל, וועלכן עס האָט געפירט דער פּראָפעסאָר סעמיאָן קאָזאָלופּאָוו.

די עלטערן האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף בריוו פון מאָסקווע. די קינדער פלעגן שרײַבן גאַנץ אָפט. אַבראַשע האָט אַפילו זיך ניט געפוילט איבערצודערציילן דעם טאַטן אין אַ בריוו דעם אינהאַלט פון אַ נײַעם אָפּערע־ אָדער באַלעט־ספּעקטאַקל, וועלכן ער האָט געזען אויף דער בינע פונעם „באָלשאָי”. דער טאַטע, פון זײַן זײַט, פלעגט אויך ווען־עס־איז אַרײַנלייגן אין אַ קאָנווערט אַ קלאַוויר פון זײַנער אַ קאָמפּאָזיציע, אָדער צולייגן צו אַ בריוו אַן אויסשנײַט פון אַ צײַטונג מיט די נאָטן פון זײַנער אַן אָפּגעדרוקטער זינגליד.

אין דער פרײַער צײַט, נאָך די טעאָרעטישע און פּראַקטישע לימודים אין דער קאָנסערוואַטאָריע, פלעגט אַבראַשע גיין אין טעאַטער — הערן און זען אָפּערעס און באַלעטן. אים איז באַזונדערס אינטערעסאַנט געווען נאָכצושפּירן נאָך דער מאַמעש סינכראָנישער באַהעפטונג, וועלכע ווערט דערגרייכט צווישן די אַרטיסטן און דעם אָרקעסטער. ער האָט זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אַז זײַן אָרט אַלס מוזיקער וועט זײַן ניט אין די סאָלאָ־קאָנצערטן, נאָר אין אַזאַ מעכטיקן מוזיקאַלן קאָמפּלעקס, ווי דער אָפּערע־אָרקעסטער.

אין קלאס פונעם פּראָפעסאָר יאמפּאָלסקי האָט אבראם גורפינקעל אָנגעטראָפן אין א קאָלעקטיוו פון פרײַנטלעכע און ארבעטסזאמע סטודענטן. קיין איינער פון זײַן גרופּע האָט זיך ניט באגרענעצט מיט די ענגע ראמען פון דער לערן־פּראָגראם, מיט שטודירן בלויז די טעכנאָלאָגיע פונעם אינסטרומענט. יעדערער האָט מיט דער פולער ערנסטקײַט זיך פארנומען מיט א גרויסן קרײַז טעאָרעטישע און פּראקטישע פראגן, אזעלכע, ווי שאפן פוגן, שרײַבן טראקטאטן צו קלענערע און גרעסערע מוזיקאלע פאָרמען. דאָס האָט געהאָלפן גורפינקעלן צו ווערן ניט בלויז א גלענצנדער פידלער, נאָר אויך אן אלזײַטיק אנטוויקלטער מוזיקער.

זומער 1940 איז אין גרויסן זאל פון דער קאָנסערוואטאָריע פאָרגעקומען דער פײַערלעכער ארויסלאָז פון א נײַער פּלעיאדע דערצויגלינגען פון דעם העכסטן מוזיקאלישן לערן־אנשטאלט. אבראם גורפינקעל האָט פארענדיקט די קאָנסערוואטאָריע אף אויסגעצייכנט. דער דיפּלאָם האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו באטייליקן זיך אינעם קאָנקורס אף צו ווערן א פידלער אינעם אָרקעסטער פון דעם מאָסקווער מעלוכישן אקאדעמישן באָלשאָי טעאטער. אבראשע גורפינקעלס יוגנט־טרוים איז פארווירקלעכט געוואָרן.

דעם 10 יול 1941 האָבן קיין קאמענעץ־פּאָדאָלסק זיך ארײַנגעריסן די דײַטשיש־פאשיסטישע טאנקען און נאָך זיי די באנדיטישע זאָנדער־קאָמאנדעס, וועלכע האָבן גלײַך גענומען אויסראָטן די פרידלעכע באפעלקערונג פון דער שטאָט. איבער די ייִדן, וועלכע זיי האָבן צונויפגעטריבן אין א באזונדערן געטאָ־ראיאָן, האָבן די היטלעריסטן דורכגעפירט איין אקציע נאָך דער אנדערער. באזונדערס טראגיש האָט זיך איבערגעריסן דאָס לעבן פון קאסיל און יויכעוועד גורפינקעל און פון זייער טאָכטער דינע, וועלכע האָט אָקאָרשט געהאט פארענדיקט די גנעסין־שול און איז געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע אף זומער־קאניקולן, קעדיי דאָ טאקע זיך צוגרייטן צו די פאָרשטייענדיקע עקזאמענס אין דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע.

צופעליק לעבנגעבליבענע מענטשן האָבן נאָך דער מילכאָמע דערציילט וועגן דעם גוירל פון די גורפינקעלס. אין איינעם א טאָג, ווען די פאשיסטן האָבן צונויפגעטריבן אלע באלמעלאָכעס אף צוואנג־ארבעט, איז צווישן זיי ארײַנגעפאלן אויך קאסיל. אליין דער שעף פון דער זאָנדער־קאָמאנדע האָט געוואָלט האָבן די האנאָע פון דעם, וויאזוי דער אלטער ייִדישער פידלער וועט שפּילן אין דער קאפּע, בעשאס ער און זײַנע גאָרגל־שנײַדער וועלן זיצן און זויפן ביר. קאסיל אָבער האָט געמאָלדן:

— פאַר אײַך שפּילן װעל איך ניט; װאָס איר װעט טאָן מיט אַלע ייִדן, װעט איר אויך טאָן מיט מיר...

אױפֿן צװייטן טאָג, איידער ס'האָט זיך אָנגעהױבן די מאַסן־אַקציע, האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעפֿירט קאַסילן און דינען און זיי דערשאָסן. אַזוי האָבן דעמלט זיך איבערגעריסן די לעבנס־סטרונעס פֿון דעם אַלטן פֿידלער און פֿון דער יונגער װיאָלאָנטשעליסטקע. די מאַמע יויכעװעד איז אומגעקומען צו דער גרוב צוזאַמען מיט אַלע ייִדן. װעגן דעם שוידערלעכן אומקום פֿון זײַנע אייגענע האָט אַבראַם קאַסילעװיטש זיך דערװוּסט נאָך דעם, װי די סאָװעטישע אַרמיי האָט ענדגילטיק באַפֿרײַט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּערס.

יעדערער, װער עס אַרבעט און שאַפֿט אין באָלשאָי טעאַטער, שטאָלצירט, װאָס די געשיכטע פֿון אָט דעם אױסטערלישן קונסט־פּאַלאַץ איז פֿאַרבונדן ניט בלויז מיט מערקװירדיקע געשעענישן אין דער רוסישער און סאָװעטישער טעאַטער־װעלט, נאָר אויך מיט פֿיל װיכטיקע עטאַפּן אינעם לעבן פֿון אונדזער מעלוכע. אינעם זאַל פֿון טעאַטער האָט ניט איין מאָל געקלונגען דאָס קול פֿון װ. אי. לענינען. דאָ זײַנען פֿאָרגעקומען צוזאַמענפֿאָרן פֿון אונדזער פּאַרטיי, ראַטן־צוזאַמענפֿאָרן, רעװאָליוציאָנערע פֿײַערונגען. עס איז דאָ באַשטעטיקט געװאָרן די ערשטע סאָװעטישע קאָנסטיטוציע און ס'איז אָנגענומען געװאָרן דער באַשלוס װעגן דער אויסבילדונג פֿונעם פֿאַרבאַנד סאָװעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

די יובילײ־פֿײַערונגען פֿונעם 200־סטן יאָרטאָג פֿון דעם באָלשאָי טעאַטער זײַנען אין מײַ 1976 דורכגעגאַנגען װי אַן אַלפֿאָלקישער יאָמטעװ.

דער קאָנצערטמייסטער אַבראַם קאַסילעװיטש גורפֿינקעל, װעמענס נאָמען עס איז אין יענע טעג דערמאָנט געװאָרן צװישן די װעטעראַנען פֿון דעם „באָלשאָי", האָט בײַם דער יובילײ־פֿײַערונג געשפּילט מיטן אָרקעסטער.

בײַ די גורפֿינקעלס אין שטוב איז די דאַטע אָפּגעמערקט געװאָרן אויך װי אַ פֿאַמיליען־יאָמטעװ לעקאָװעד אַבראַם קאַסילעװיטשן, דעם עלטסטן פֿון דער דינאַסטיע מוזיקער, װעמענס שעפֿעריש און געזעלשאַפֿטלעך לעבן עס איז שוין פֿערציק יאָר פֿאַרבונדן מיט דעם װעלט־באַרימטן טעאַטער. אין די יובילײ־טעג האָט די סאָװעטישע רעגירונג באַלױנט דעם פֿידלער מיטן אָרדען „ערן־צייכן".

באַם יאָמטעװדיק־געדעקטן טיש האָט מען דאָס מאָל געקאָנט זען די מישפּאָכע גורפֿינקעל אין איר פֿולן באַשטאַנד: די גאַנצע דינאַסטיע מוזי־

קער — דערצויגלינגען פון דער מאָסקווער מעלוכישער קאָנסערוואַטאָריע
אַף טשײַקאָווסקיס נאָמען. דעם אויבנאָן פאַרנעמען די עלטערן — אַבראַם
קאָסילעוויטש און נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַ, אויך אַ פידלערן, וועלכע האָט
אין מעשעך פון פיל יאָרן געשפּילט אין אָרקעסטער פונעם מעלוכע־אַנ־
סאַמבל פון פאָלקס־טענץ אונטער דער אָנפירונג פונעם פאָלקס־אַרטיסט
פון פּססר איגאָר מאָיסייעוו. עס זיצן אַרום טיש זייער טאָכטער, די פּיאַ־
ניסטקע אַנע מיט איר מאַן דעם טאַלאַנטפולן מוזיקער מיכאיל קאָפּעלמאַן,
וועלכער האָט אין 1973 דערוואָרבן אין פּאַריזש דעם טיטל לאַורעאַט פו־
נעם צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס פון פידלער אפן נאָמען פון מאַרגאַריטאַ
לאָנג און זשאַק טיבאָ, און דער ייִנגסטער אין דער מישפּאָכע — מישע
גורפינקעל, אַ פידלער־אַלטיסט, אַ שילער פונעם פּראָפעסאָר מיכאיל טע־
ריאַן, וועלכער האָט, פאָרזעצנדיק דעם וועג פון זײַן טאַטן, נאָכן פאַרענ־
דיקן די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס אין
באָלשאָי טעאַטער לויט דער גרופּע אַלטיסטן. איצט שפּילן דער טאַטע
מיטן זון צוזאַמען אין איין אָרקעסטער.

סאַראַ וווּנדערלעכער קווינטעט! ווען קאָסיל גורפינקעל, דער גרינדער
פון דער דינאַסטיע, וואָלט געזען, וויאַזוי עס זײַנען פאַרווירקלעכט גע־
וואָרן די טרוימען פון זײַנע קינדער און קינדס־קינדער, וואָלט ער אוואַדע
געזאָגט: שפּילט, קינדער, אין אוניסאָן מיטן גאַנצן אַנסאַמבל, לויט איינעם
פון די וויכטיקסטע קלאָלים אין דער מוזיק — קאָנטראַפּונקטאַ...

גרינע צעכן

מאָלט אײַך אויס... סאָף ווינטער. אינדרויסן ליגט נאָך דער אײַנגעפרעסטער שניי, עס צופּט דער פראָסט, און דו ברענגסט ארײַן פון קראָם צו דײַן טיש צונטער־רויטע פּאָמידאָרן, פרישע אוגערקעס, זאַפטיק־גרינע ציבעלעס. די היימישע קוקן אף דעם, ווי אף א סיורפּריז. די באַלעבאָסטע צעשנײַדט און צעבראָקט דאָס פרישע אויבס, באַגיסט עס מיט געדיכטער סמעטענע, און איר האָט אין סאמע ווינטער האַנאָע פון א זומערדיקן סאַלאט.

אומבאמערקבאר קומט אוף אפן געדאנק א פראגע: ווּעמענס הענט האָבן אויסגעכאָוועט און אויסגעפּילינקעוועט דאָס אלץ? די נײַגעריקײַט האָט אין אונדז זיך נאָך מער צעשפּילט, ווען מיר האָבן אין אײנער א קראָם איבערגעלייענט אף די קעסטלעך מיט רויטע טאָמאטן די פירמענע אופשריפטן מיטן נאָמען פון א סאָווירט.

זײַנען מיר געווען א באַלן צופאָרן אין אזא הינטערמאָסקווער ווירטשאפט.

א מינוט צוואנציק פאָרן מיר מיטן אווטאָבוס פון דער מעטראָ־סטאַנציע „יוגאָזאפּאדנאיא", וואָס גייט אין דער ריכטונג פון קיִעווער שאָסייטראַסע. דאָרט האָט זיך צעשפּרייט צווישן וועלדער און לאָנקעס א שטאָט — די צענטראַלע ווירטשאפט פונעם סאָווירט־קאָמבינאַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאָסקאָווסקי". די פילשטאָקיקע מויערן, ברייטע גאסן, סקווערן דערמאָנען א גרויסן מיקראָ־ראַיאָן פון דער הויפּטשטאָט. אָבער גלײַך הינטער די הויכע מויערן זעט מען, וויפל דאָס אויג קאָן נאָר ארומכאַפּן, א שעמערירנדיקע אונטער דער זון זילבער־ווײַסע אָזערע — אזוי זעען אויס פונדערווײַטנס די פארגלאָזטע אונטער איין ריזיקן דאך סאָווירטישע אראַנזשערייען.

אין סאמע צענטער פון דער אגראָ־שטאָט, ניט ווײַט פונעם גאַסטראָנאָם אוניווערסאַם און דעם מאָדערנעם הויז פון שטייגער־באַדינונג, געפינט זיך די געבײַדע פון דער סאָווירטישער דירעקציע. איך האָב זיך אופגעהויבן אפן צווייטן שטאָק. און דאָרט זיך באַקאַנט מיט א כאָשעוון מענטשן פון דער ווירטשאפט, מיט סערגיי באָרטוליאָוון — א וועטעראַן פון דער קאָלווירטישער און סאָווירטישער באַוועגונג, א געוועזענעם פּאָר־

זיצער פון א פאַרייניקטן קאָלווירט, אַף דער באַזע פון וועלכן עס האָט זיך אנטוויקלט און צעוואקסן אָט די ריזיקע הינטערמאָסקווער לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונג, וואָס איז איצט איינע פון די גרעסטע פון דעם טיפּ בא אונדז אין לאנד.

ניקאָלײַ סערגייעוויטש, א הויכער, עלעגאנטער מאנצבל אין די מיטעלע יאָרן, פאַרנעמט זיך איצט מיט פּאַרטיי־געזעלשאפטלעכער ארבעט. אָבער מיט די פּראָדוצירן־איניאָנים פונעם סאָווירט, ווי עס האָט שפּעטער זיך ארויסגעוויזן, הערט ער ניט אוף זיך אינטערעסירן. ער האָט מיך צוגעפירט צום פענצטער, פונוואנען ס׳האָט פאר אונדזערע אויגן זיך אנטפּלעקט די פּאנאָראם פונעם אָראנזשעריי־קאָמפּלעקס מיט אלע זײַנע אַספּאַלטירטע דורכפאָר־וועגן, זײַטיקע סטעזשקעס און לײַכטע געהילפסגעבײַדעס. ס׳איז געווען א שיינער זוניקער טאָג. פון די ווײַסע וואָלקנדלעך האָט מיטאמאָל זיך ארויסגעריסן א זילבער־קאָלירטער לײַנער, זעט אויס פון וונוקאָווער אעראָפּאָרט, וועלכער געפינט זיך ניט ווײַט פונדאנען.

באַרטוליאָוו האָט ברייטער צערוקט די פּאָרהענגלעך פונעם פענצטער און א פּיר געטאָן מיט דער האנט, גלײַך ער וואָלט וועלן פולער ארומכאפּן דעם פּייזאזש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די ברייטע שויבן:

— ווען מיר זײַנען אין מײַ 1969 צוגעטראָטן בויען די ערשטע אָראנזשערייע, איז דאָ געלעגן א פּוסט פעלד מיט א ווייניק צוגעפּאסטן באָדן. די בויונג פון דעם נײַעם אָביעקט איז דעמלט געמאָלדן געוואָרן אלס א שלאָגלערישע. ס׳זײַנען מאָביליזירט געוואָרן הונדערטער מענטשן מיט בולדאָזערן, שווערע רויפן־טראקטאָרן. אַף א שעטעך פון צענדליקער העקטארן איז אויסגעקומען אויסגלײַכן און ניוועלירן דעם באָדן, ארָאפּשנײַדן בערגלעך, פארשיטן טאָלן, אויסקאָרטשעווען ביימער. אזוי, אז אלץ האָט דאָ געראַשט און געהודיעט, ווי אַף א שלאכטפעלד. דאָס איז אָבער געווען א פרידלעכע שלאכט צוליבן וווילזײַן פון די מענטשן.

אפן צווייטן יאָר פון דער בויונג האָבן דאָ אָנגעהויבן פונקציאָנירן זעקס און דרײַסיק אָראנזשערייען, פאַרייניקטע אין זעקס בלאָקן. שפּעטער זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ בלאָקן, צו נײַן העקטאר יעדערער.

„מאָסקאָווסקי" איז א פיל פארצווײַגטע אונטערנעמונג, אין וועלכער עס ווערט שוין פון לאנג אָנגעווענדט די אזויגערופענע צעכן־סטרוקטור, וואָס דערלויבט בייגעוודיק און עפעקטיוו אויסנוצן אַף אלע באצירקן די ארבעטס־קראפט און די מאטעריעל־טעכנישע רעסורסן. די גאנצע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע ווערט דאָ פּראָדוצירט אין דרײַ גרונטצעכן — אין די אָראנזשערייען, אין דער ווירטשאפט פון סאָד־צוכט און אין דער פיצוכט־פערמע (אײַנגעשלאָסן די באצירקן פון דער שפּײַז־פאר־

גרייטונג). אלע צעכן וואָלטן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אַזוי פּינקטלעך און רעגלמעסיק פונקציאָנירן אָן די פאַרשיידענע געהילפס־צעכן און באַזונדערע דינסטן. פאַר די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען נאָך איין וויכטיקער באַצירק — דאָס איז אַ צעך, ווו עס וואַקסן אַ קײַלעכיק יאָר שוואָמען — שאַמפּיניאָנען — די שאַמפּיניאָניצע, ווי מע רופט דאָ די אייגנאַרטיקע אָראַנזשעריי פון אַ ספּעציעלער קאָנסטרוקציע, וועלכע פאַרנעמט אַ שעטעך פון איין העקטאַר (אָט די ווײַסינקע שוועמעלעך מיט די אַקוראַטע מאַטאָווע היטעלעך גיבן דעם סאָווירט יערלעך אַ מיליאָן רובל רעווענ).

אָבער דעם אויבנאָן אין דער ווירטשאַפט פאַרנעמט די אינדוסטריעלע גרינסצוכט. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס „מאָסקאָווסקי" ליגט נאָענט בײַ דער הויפּטשטאָט און באַזאָרגט איר באַפעלקערונג מיט פרישע גרינסן אין די ווינטער־כאָדאָשים און אין פריִען פרילינג. דער סאָווירט באַאַרבעט איצט העכער דרײַ טויזנט העקטאַר אַקער־ערד, 57 העקטאַר פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַרנעמען די אָראַנזשערייען, אין וועלכע עס ווערן אויסגעכאָוועט נײַע און נײַע געדעטענישן פון פאַרשיידענע גרינסן. דאָס ברענגט יעדן יאָר מער פון 12 מיליאָן רובל רעווענ.

— פאַרשטייט זיך, — באַמערקט ווײַטער באָרטוליאָוו, — אַז אין יעדערער פון אָט די ציפערן איז אַרײַנגעלייגט די מי פון אַ דריטהאַלבן טויזנט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. עס האָרעפּאַשנעווען אין סאָווירט עטלעכע יידישע מישפּאָכעס, אַלטע ערדאַרבעטער פון די אַמאָליקע יידישע יישווים אַרום כערסאָן און קריוואָי־ראָג, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט, אומקערנדיק זיך ווער פון דער מילכאָמע און ווער פון עוואַקואַציע. פאַר די לעצטע יאָרן האָט דער סאָווירט דערצויגן זײַנע קאַדרען מעכאַניזאַטאָרן, פיציכטלער, אַגראָנאָמען, זאָאָטעכניקער, לאַבאָראַנטן. אין די לאַבאָראַטאָריעס באַשעפטיקן זיך אַ היפּשע צאָל וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער, צווישן זיי נײַן קאַנדידאַטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. שוין דאָס אַליין זאָגט אַ סאַך וועגן דעם ניוואָ פונעם פּראָדוצירפּראָצעס אין אַזאַ פילפאַכיקער ווירטשאַפט.

— נאָך דעם איבערזיכט, וואָס איר האָט איצט באַקומען, — האָט צוגעגעבן באָרטוליאָוו, — וואָלט איך אײַך געראָטן זיך דורכגיין איבערן סאָווירט, דעריקער איבער די אָראַנזשערייען.

ניקאָלײַ סערגייעוויטש האָט אַרויסגעצויגן דאָס טישקעסטל און פון דאָרט גענומען אַ בלאָקנאָט. מיט דער רעכטער, פּראָטעזירטער האַנט (אין אַ שוואַרצער לעדערנער הענטשקע — אַן אומפאַרגעסלעכער אָנדענק פון דער מילכאָמע) האָט ער צוגעדריקט דאָס טאָוועלע פונעם צעעפנטן

בלאָקנאָט און מיט דער לינקער איבערגעמישט עטלעכע זײַטלעך, ביז ער האָט געפונען דעם נייטיקן טעלעפאָן.

— מירן אָנקלינגען מיכאל באַריסאָוויטש בלינערן, אונדזער זאָאָטעכ־ניקער. ער דאַרף גראָד הײַנט זײַן דאָ אַף א פאַרטיי־אַקטיוו. דאָס הויז, וווּ ער וווינט, איז ניט ווײַט פונדאַנען. איך דאַרף אײַך זאָגן, אז די בלינערס זײַנען וווּנדערלעכע מענטשן: דער טאַטע, דער זון, די טאָכטער און די מאַמע זייערע, ראַיסע סאַמויילאָוונע, וועלכע האָט נאָך דעם, ווי זי איז אַרויס אַף פּענסיע, גאַנצע פינף יאָר געאַרבעט אלס קעכן אין דער סאָ־ווירטישער גאָרקיך. מיט איין וואָרט — א שיינע מישפּאָכע אין סאָווירט.

אין א מינוט צען אַרום נאָך באַרטוליאָוס קלונג האָט די טיר געעפנט א באַיאָרטער מאַנצבל מיט א שמייכל אין די אויגן:

— האָסט מיך גערופן, סערגייעוויטש, בין איך געקומען. עפּעס עקס־טרע?

— זעץ זיך צו, מיכאַיל באַריסאָוויטש. ווי מיר איז באַוווּסט, איז בא דיר הײַנט א פרײַער טאָג, וואָלט גוט געווען, דו זאָלסט ביזן אָנהייב פון דער באַראַטונג פונעם פאַרטיי־אַקטיוו זיך דורכגיין מיטן קאָרעספּאָנדענט איבערן סאָווירט...

— אלס גידז? — האָט זיך אָנגעפרעגט בלינער.

— נישקאָשע, בראַטאָק, — האָט פאַרגעזעצט באַרטוליאָוו, — מיר מיט דיר זײַנען דאָך געוועזענע פראָנטאָוויקעס, דאַרפן מיר צו אַלץ זײַן גע־ווינט...

באַרטוליאָוו און בלינער — ביידע מילכאָמע־וועטעראַנען, זײַנען שוין איצט אויך וועטעראַנען פון דער מי. פאַר די דריטהאַלבן צענדליק יאָר, וואָס זיי אַרבעטן צוזאַמען, האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו זײַן אַף „דו״.

פאַר די עטלעכע מינוט, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין קאַבינעט פו־נעם הויפּט־אינזשעניער, זײַנען אַרײַן און אַרויס א מאַן צען — זעט אויס מעכאַניקער, שעפן פון באַזונדערע באַצירקן — יעדערער מיט זײַן איניען. יעגאָראָוו האָט אַלעמען אויסגעהערט. גאָר וויכטיקע איניאָנים לייזט ער אָפּעראַטיוו, דורכשמועסנדיק זיך פרײַער מיט עמעצן דורכן סעלעקטאָר.

וועגן אים האָט מיר באַרטוליאָוו געזאָגט:

— פאַר אונדז איז ער נאָך דער זעלבער זשעניע יעגאָראָוו פונעם דאָרפל פילימאָנאָווקע, א היגער באָכער, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט אין סאָווירט אלס טראַקטאָריסט, דערנאָך געוואָרן פאַרוואַלטער מיט די גאַראַזשן און אזוי פון שטאַפל צו שטאַפל, ביז דער מאַדרייגע פון הויפּט־אינזשעניער...

מיט א שטאָק העכער געפינט זיך דער קאַבינעט פונעם הויפּט־אַגראָ־נאָם. נאָך ניט באַוויזן רעכט אַריבערטרעטן די שוועל, ווי ס'האָט אונדז שוין געגעבן די פולע אינפאָרמאַציע א בלאָנד מיידל אין אַן אייגנאַניק געשטריקט קאָפּטל און מיט אין דער מאָס צוגעפּאַרבטע ליפּן:

— אויב איר דאַרפט צו קלאַווּדיַא סערגייעוונא, איז זי נאָך באַ ליטש־קינען אויף דער פּלאַניאָרקע. זי וועט דאָ זײַן אין א מינוט צען אַרום.

בלינער רוימט מיר אײַן אין אויער אַרײַן:

— ליטשקין איז דער נײַער דירעקטאָר פונעם סאָווירט. ער האָט שוין באַוויזן אײַנפירן פיל נײַס...

אינגיכן האָט אין אופנאַם־צימער זיך באַוויזן אַן ענערגישע פרוי מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן אין לאַץ. לויט אירע אופגעלעבטע, בלישטשענדיקע אויגן איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז קלאַוודיַא סער־גייעוונא איז נאָך אַלץ אונטערן אײַנדרוק פון דער אָפּעראַטיווער פּלאַ־ניאָרקע.

— איר וואַרט אויף מיר? — האָט זי זיך צו אונדז געווענדט אין אײַלע־ניש, — איז קומט אַרײַן, ביטע.

נאָך א קורצן אויסטויש פון פראַגן און ענטפערס האָט זי אופגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל: — עס גייט צו אײַך א קאָרעספּאָנדענט אין דער באַגלייטונג פון בלינערן, נעמט זיי אויף, באַווײַזט אײַער אָראַנזשעריי...

ביזן זיבעטן אָראַנזשעריי־קאָמפּלעקס, וווהין קלאַוודיַא סערגייעוונא האָט אונדז געייצעט גיין, איז א היפּש שטיקל וועג. דערווײַל שמועס איך מיט בלינערן, און ווען ער דערמאָנט די פאַמיליע דוואָרקין, קומט מיר אויף א געדאַנק, אַז מײַן מיטשפּרעכער איז, זעט אויס, דער אַווטאָר פון יענעם בריוו אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט ניט לאַנג צוריק. דער בריוו הייבט זיך אָן אַזוי:

„טײַערע רעדאַקציע!

אין אײַער זשורנאַל לייענען מיר אָפט וועגן די אופטועז פון א סאַך וווּנדערלעכע מענטשן. איך וויל אײַך בעטן, איר זאָלט דערציילן וועגן נאָך איינעם, וועגן מיכאַיל דוואָרקינען — דעם לײַדנשאַפטלעכן אָרגאַניזאַ־טאָר פון די ערשטע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין די יידישע קאָלאָניעס פון דאָרעם־אוקראַינע, דעם וועטעראַן פון אונדזער סאָווירט, וועמען די פּאַרטיי האָט נאָך אין די פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן געשיקט אַרבעטן אין איינעם פון די היגטערשטעליקסטע הינטערמאָסקווער קאָלווירטן מיטן נאָ־מען „סאָלאַריעוואָ”. דוואָרקין האָט דעמלט זיך צעשיידט מיט זײַן אייגע־נעם קאָלווירט אין נײַ־פּאָלטאַווקע און געקומען אַהער. ער האָט, ווי מע זאָגט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים

ענערגיע און אנטשלאָסנקייט, אָנווענדנדיק די פּיליאַריקע דערפאַרונג פון אַן אַלטן ערד־אַרבעטער, געפּירט נאָך זיך די מאַסן, ביז דער קאָלווירט איז געוואָרן אַ פאָרגעשריטענער"...

ווײַטער ווערט אינעם בריוו דערציילט, אַז „סאַלאַריעוואָ" איז אונטער מיכאַיל דוואָרקינס אָנפירונג, געווען איינע פון די דרײַ גרעסערע ווירט־שאַפטן, אויף דער באַזע פון וועלכע עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער סאָ־ווירט—קאָמבינאַט „מאָסקאָווסקי", ווו דוואָרקין, דער פּאַטריאַרך צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע האַרעפּאַשניקעס, האָט ביז אין דער טיפער על־טער, ווי אַ בעקאָוועדיקער און אַוטאָריטעטער מענטש, געדינט אַלס בײַש־פּיל פאַר די יונגע. ווען מע פלעגט וועגן עפּעס דאַרפן זיך האַלטן אַן אייצע, האָט מען זיך געווענדט צום „זיידן" דוואָרקינען.—„וואָס וועט זאָגן און וויאַזוי וואָלט זיך באַגאַנגען מיט דעם דער זיידע?"...

ניט לאַנג צוריק איז דער צוויי און אַכציקיאָריקער מיכאַיל לאַזאַרע־וויטש דוואָרקין געשטאָרבן. די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט און געאַרבעט, וועלן אים לאַנג געדענקען. אַ טיפן און נוצלעכן שפּור האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט ניט נאָר אין סאָווירט, נאָר אויך אין די אַרומיקע יישוווים—אין די קינדערהיימען און קינדערגערטנער, וועמען זײַן קאָלווירט האָט מילכאָמע־צײַט געהאָלפן מיט ברויט, מיט מילך, מיט פלייש.

באַזונדערס האָט דוואָרקין זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע פּאַטריאָטישע אויפטוען אין דער צײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן אויסצובויען אויף די מיטלען פון די קאָלווירטניקעס די באַרימטע טאַנקען־קאָלאָנע, וועלכע איז דעמלט אָנגע־רופן געוואָרן „מאָסקאָווסקי קאָלכאָזניק".

וועגן זיך האָט מיכאַיל בלינער אין זײַן בריוו גאָרנישט ניט דערציילט. ער האָט אים בלויז פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „דערמאָנט, טײַערע פרײַנט, אָט דעם ערלעכן מענטשן. און אויב איר וועט געפינען פאַר ניי־טיק, פאָרט אַרײַן צו אונדז אין סאָווירט און טוט אַ קוק אויף דער גרויסער און שיינער ווירטשאַפט, אין וועלכער עס איז אויך אַרײַנגעלייגט דוואָר־קינס מי"...

ווען מיר האָבן געעפנט די טיר, וואָס פירט צו די אָראַנזשערייען, האָט אויף אונדז אַ ווייע געטאָן אַ צערטלעכע, פײַכטע וואַרעמקײַט, וואָס דער־מאָנט מיט עפּעס דעם קלימאַט אַפן דאָרעם־ברעג פון קרים נאָך אַ רעגן. עס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן דאָס געוועב פון מעטאַלענע קאַרקאַסן, וועלכע בילדן איין ריזיקע זילבער־ווײַסע קאָנסטרוקציע, אַדאַנק וועלכער

די אַראַנזשערייען ווערן דורך ספּעציעלע קאָרידאָרן פאַרייניקט אין איין בלאָק.

איך קוק מיט פאַרווּנדערונג אַף די קאָרידאָרן. דאָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, אייגנאַרטיקע „גאַסן", טראַנספּאָרט־אַרטעריעס אין אַ גלעזערנער שטאָט, ווו אַלץ אַרום בליט, שפּראָצט און גרינט. די מיטעלע, אַספאַלטירטע דורכפאָר־טייל פון אָט די קאָרידאָרן ווערט אויסגענוצט צוליב דער נאָרמאַלער אַרבעט פון די פאַרשיידנערליי מאַשינען, זעלבסטבאַוועגלעכע שאַסי, טראַקטאָרן, אויסגעשטאַטעטע מיט ספּעציעלע צוטשעפּ־אינווענטאַרן. וואָס שײַעך די טראָטוארן פוןביידע זײַטן קאָרידאָר, פאַרפּולטע מיט ווייכן ערד־גרונט, ווערן זיי דאָ אויסגענוצט ווי אַ צוגאָב־שטעטך אויסצוּכאָוועןאַ גערעטעניש פון גאָרטנוואַרג: ציבעלעס, סעלדעריי, סאַלאַט.

די קאָרידאָרן דינען אויך אַלס מיקראָקלימאַט־זאָנעס, וועלכע פאַרהיטן בעשאַס דער טראַנספּאָרטירונג די איידעלע פּראָדוקציע פון די וואַרעם־בייטן, ווי אויך די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָ, פון דער דרויסנדיקער טעמפּעראַטור־סוויווע.

און איצט שטעלט אײַך פאָר אָט די „גאַס" מיט גאַזאָנען און בלומען־קלומבעס, און איר וועט דערשפּירן נאָך איין פונקציע פון די קאָרידאָרן — די עסטעטישע. עס איז דאָך שווין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז די פּראָדוציר־עסטעטיק ווײַזט אַרויס אַ פּאָזיטיווע ווירקונג סײַ אַפן געמיט פון די מענטשן און סײַ אַפן דערפאָלג פון זייער אַרבעט.

אין די אַראַנזשערייען זײַנען אַזעלכע אַרבעטס־פּראָצעסן ווי דאָס רעגולירן דעם מיקראָקלימאַט, די דערנערונג פון די געוויקסן פולקאָם אויטאָמאַטיזירט. אָט באַקומט זיך אַ באַפעל פונעם צענטראַלן פּולט, און די אויטאָמאַטן שליסן גלײַך אײַן די באַגיסונגס־סיסטעם, רעגולירן דעם טעמפּעראַטור־רעזשים, די קאָנצענטראַציע פון דער מינעראַלער באַגיטיקונג.

מיר קוקן זיך אײַן אין דער געדיכטעניש פון די געוויקסן. די פּאָמידאָרן און אוגערקעס ציִען זיך, ווי ווײַנטרויבן־לאָזעס, פון אונטן ביז אַרויף אַף עטלעכע מעטער. דאָס זײַנען ספּעציעלע הויך־פּראָדוקטיווע און גיך רײַפוועדנדיקע סאָרטן, אויסגעכאָוועטע אין די סאָוועטישע סעלעקציע־אינסטיטוטן. אַרום זיי, צווישן אָט די אויסטערלישע גרינע שפּאַלירן, גייען אַרום פרויען אין ווײַסע כאַלאַטן מיט שערעלעך און שפּאַגאַטלעך אין די הענט, קוקן זיך אײַן אין יעדן געוויקס, באַזײַטיקן, ווו מע דאַרף, ווילדע צווויקסן, בינדן אונטער די זיך שטאַרק צעוואַקסענע הודענעס.

— ווי איר זעט מיך, האָב איך דאָ אָפּגעאַרבעט קימאַט אַ העלפט פון מײַן לעבן — מאַכט צו מיר מיכל בלינער.

ווען וואָס מיכל זאָל ניט ריידן, דערמאָנט ער זײַנע עלטערן — „דער טאַטע האָט מיך געלערנט", „די מאַמע פלעגט זאָגן". באַזונדערס גרויסט ער זיך מיטן טאַטן זײַנעם, באַרעך־בער, דעם סאָלדאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, װעלכער האָט ביזן 1905־טן יאָר געדינט דעם צאַר און דעם פאָטערלאַנד און איז נאָכדעם אין װיטעבסק אפן װאָקזאַל, פונ־װאַנען עס איז שוין געװען, װי מע זאָגט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען זײַן געבוירן־שטעטעלע אף דער בריאַנשטשינע, מיטאַמאָל אַרעסטירט געװאָרן אַלס „ניעבלאַגאָנאַדיאָזשנע". גלײַך נאָכן אַרעסט האָט מען אים פאַרשיקט קיין רעװעל און פון דאָרט אין שטעטל אַלעקסאַנדריע אין דער טאַװרישטשעסקער גובערניע. פון דער שװערער האָרעװאַניע בא די אָר־טיקע באַלעבאַטים פּעל־הענדלער און אַרענדאַרן האָט קוים געצויגן די כאַיונע זײַן היפּשע מישפּאָכע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, װען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־איבערװאַנדערונג פון ייִדן אף ערד אין די סטעפּעס פון דאָרעם־אוקראַיִנע, איז צװישן דעם ערשטן שטראָם איבערװאַנ־דערער געװען באַרעך־בערס מישפּאָכע. פאַר די בלינערס איז דאָס נײַע װוין־אָרט געװאָרן אַ ברייט פעלד פון לעבן און אַרבעט. שפּעטער איז דאָ געגרינדעט געװאָרן די ערשטע קאָלעקטיװע װירטשאַפט מיטן נאָמען „נײַער שטערן". דער קאָלװירט האָט געהאַט אַן אייגענע מילך־פערמע. װען די פערמע איז זיך צעװאַקסן, האָט מען באַשטימט, צוליב רענטאַבל־קײַט, עפּענען אַ צעך פון קעז־קאָכערײַ. קאַדרען פאַר דעם נײַעם מין פּראָ־דוקציע האָט מען דערצויגן אייגענע. באַרעך־בערן, איינעם פון די בעסטע פּיציכטלער, האָט מען געשיקט אף קורסן פון קעז־קאָכערײַ. פון דעמלט אָן האָבן די אײַנװױנער פונעם ייִשעװ און פון די אַרומיקע דערפער גע־קרוינט בלינערן מיטן נאָמען בערקאָ דער קעז־קאָכער.

די געשמאַקע קעזן, װעלכע באַרעך־בער פלעגט קאָכן לויט די אוגליי־טשער, יאַראָסלאַװלער און קאָסטראָמער רעצעפּטן, זײַנען געװען ניט ערגער פון די שװייצאַרישע און האָבן געהאַט אַ גוטן שעם ניט בלויז אין די נאָענטע ראַיאָנען, נאָר אויך אין גאַנץ אוקראַיִנע.

מיכלען, באַרעך־בערס עלטסטן זון, שוין דעמלט אַ היפּש באָכערל, איז געפעלן געװאָרן דעם טאַטנס נײַע פּראָפעסיע, פלעגט ער אָהער קומען אים העלפן אין דער אַרבעט, באַזונדערס װען מע האָט געדאַרפט אויסלייגן פּיראַמידאַרטיק קעפּלעך קעז מיטן פּראָדוציר־שטעמפּל פון־נעם קאָלװירט. און אַזוי ביז באַרעך־בער האָט אין איינעם אַ טאָג באַלע־רעװדיק זיך געזעגנט צום זון:

— קעז־קאָכעריַי, זונעניו, איז ניט פאַר דיר. צו דער מעלאָכע וועסטו אין אַלע צײַטן באַוויַיזן. פאַר דיר וועט זײַן צוגעפּאַסט אַ פּראָפעסיע פון דעם נײַעם דאָרף. אָט, צום בײַשפּיל, מע נייטיקט זיך אין זאָאָטעכניקער. לייג צונויף דײַן טשעמאָדאַנדל און פאָר אַוועק קיין שיראָקאָיע זיך לערנען אינעם זאָאָוועטעכניקום...

מיכל האָט געפאָלגט דעם טאַטן.

נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט אין די פערמעס ווערט דער יונגער זאָאָוועטטעכניקער קאָמאַנדירט אַלס באַצירק־אַגראָנאָם אין פרײַדאָרפער ראַיאָן. דאָ פלעגט אים אויסקומען אַרומפאָרן פון איין קאָלווירט אין צווייטן, סטאַזשירן די פּיציכטלער, דורכפירן באַראַטונגען אויף די מילך־פערמעס.

אין קאָלווירט „אַקטיאַבער" באַקאַנט זיך מיכל מיט ראַיע באַלטער, דער ערשטער טראַקטאָריסטקע, וועלכע האָט איבערגעוואַנדערט צוזאַמען מיט אירע עלטערן פון בערשאַד. מע דערציילט, אַז מיט די באַלטערס האָט זיך דעמלט מאַמעש געוויגט דאָס גאַנצע שטעטל, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך דאָרט דערוווּסט, אַז ראַיע זיצט באַם רודער פון אַ טראַקטאָר. ווי קומט עס צו איר? אַ מיידל, ווי אַלע מיידלעך, און נאָ דיר גאָר אַ טראַקטאָריסטקע.

— בעטעווע, — דערציילט בלינער, — איז מײַן ראַיע מיט איר ענערגיע און ניט נאָכגיביקייט געראָטן אין איר מאַמע טובע באַלטער — אַ מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבענע קאָלווירטניצע, אַ מיטגליד פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג און איניציאַטאָרן פון אַלע גוטע אָנהייבן צווישן די מעלקערנס אין ראַיאָן. די געמעלקן, וואָס טובע פלעגט באַקומען פון יעדער קו, האָבן געדינט אַלס בײַשפּיל פאַר אַלע קאָלווירטניצעס. עפּשער טאַקע דערפאַר האָט מען זי אָנגערופן אין קאָלווירט אַנדערש ווי אין בערשאַד — ניט טובע שמילעקס, נאָר קורץ און פּאַשעט — די באַלטערשע, מיט אַכטונג צו איר אויטאָריטעט. ווען עמעצער פון די יונגע האָט געדאַרפט זיך האַלטן אָן אייצע, איז מען געקומען צו דער באַלטערשע.

ראַיע האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמעס שטוב, מיט איר טראַקטאָרבריגאַדע, און איז אויף שטענדיק אַריבערגעפאָרן אין שכיינעסדיקן קאָלווירט „נײַער שטערן" צו די בלינערס, ווו זי האָט אָנגעהויבן פירן אַ גליקלעך פאַמיליען־לעבן. אינגיכן איז בא דער יונגער פּאָר געבוירן געוואָרן אַ זון.

די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די פאַשיסטן האָט בלינער איבערגעלעבט באַם טײַך בוג אין ראַיאָן פון דער בריסקער פעסטונג. דאָס זײַנען געווען ביטערע שלאַכטן מיט שווערע פאַרלוסטן. נאָך איינער אַן איבער־

גרופּירונג פון די מיליטער־טיילן איז בלינער אַרײַנגעפאַלן אפן וואָלכאָוו־פראָנט, ווו עס איז אויסגעקומען גליַיך פון די עשאַלאָנען זיך אָנשליסן אין די הייסע שלאַכטן. די דאָזיקע טיילן האָבן דעם 2 סענטיאַבער 1941, באַם דאָרף וואָראָנאָוואָ, אָפּגעשטעלט דעם אָנגריף פון די היטלעריסטן, ניט דערלאָזנדיק זיי צו לענינגראַד. די פעסטע פאַרטיידיקונגס־ליניע האָט אין מעשך פון 16 כאַדאָשים אף אָט דעם פראָנט־אָפּשניט ניט געלאָזט די פאַשיסטן אופהייבן דעם קאָפּ.

באַ איינעם פון די אָנשפאַר־פונקטן איז בלינער שווער פאַרווונדעט געוואָרן איןביידע פיס. אָבער דורכגייענדיק ביז אָט דער אַכזאָריעסדיקער מינוט שיווע־מעדורע־געגנעם, האָט דער באַשיידענער סאָלדאַט אונטערגעצונדן ניט איין פאַשיסטישן טאַנק.

אין שײַכעס מיט יענע שלאַכטן אפן וואָלכאָוו־פראָנט דערציילט בלינער:

— איך האַלט זיך פאַר אַן אייביקן באַלכויוו באַ מײַנע כאַווײרים־אַרטילעריסטן, באַזונדערס באַ מײַנע שלאַכט־פרײַנט נאָכרין און פּיאַדאָראָוו, מײַנע רעטער, וועלכע האָבן ניט דערלאָזט, אַז איך זאָל, אָפּגייענדיק מיט בלוט, פאַרפראָרן ווערן אפן שלאַכט־פעלד. זיי האָבן מיך מאַמעש פון אונטערן פײַער אַרויסגעטראָגן פון דער נייטראַלער זאָנע, דורך דער פאָדערשטער ליניע, און איבערגעגעבן מיך אין די הענט פון אונדזערע סאַניטאַרקעס.

ערעוו יענער שלאַכט איז מיכל בלינער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, נאָר דעם פּאַרטיי־בילעט האָט ער באַקומען ניט אף דער באַטאַרייע, ווי עס איז געווען פון פריער באַשלאָסן, נאָר אין האָספּיטאַל אין א האַלב יאָר אַרום.

אין טאָמסקער האָספּיטאַל דערלויבט מען אים מיט דער הילף פון צוויי קוליעס זיך שטעלן אף די פיס, כאָטש איינער פון זיי, דער לינקער, איז געוואָרן קירצער אף גאַנצע זעקס סאַנטימעטער. פון טאָמסק, נאָך דעם ווי מע האָט אים צײַטווײַליק אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, לאָזט ער זיך אוועק איבערן אוראַל זוכן א נײַע היים. אף דאָרעם־אוקראַינע האָבן דאָך די פאַשיסטן אינגאַנצן כאָרעוו געמאַכט דאָס לעבן...

אין דער שטאָט גובאַכאַ, פערמער געגנט, געדענקט ער, האָט ביז דער מילכאָמע געלעבט זײַן שוועסטער ביילע, וועלכע איז אַהין געקומען לויט א קאָמיוגישער פּוטיאָווקע. גובאַכאַ איז א שטאָט, וועלכע ווערט דורך א באַרג צעטיילט אף צוויי טיילן — איינע פון דער אַנדערער שטייט אָפּ אף דרײַ קילאָמעטער. איין גובאַכאַ הייסט „אונטערשטע” און די צווייטע — „אייבערשטע”.

און מיטאמאָל אזא אומדערוואַרט גליק. אונטערשפּרינגענדיק אַף זײַנע קוליעס פאַרבײַ דעם שטאָטישן מאַרק, באַגעגנט ער צופעליק א נאָענטן מענטשן — די שוויגער זײַנע טובע באַלטער, די זעלבע באַלטערשע, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע בא זיך אין קאָלווירט געקערט וועלטן. איצט האָט זי אים, א סאָלדאַט אַף קוליעס און א לאַנג ניט ראַזירטן, קוים דערקענט, סײַדן בלויז אין קאָל. וויפל פרייד־אויסגעשרייען און טרערן. באַלד איז געקומען צו לויפן בלינערס פרוי מיט זייער זונעלע, דער פרויס שוועסטער, גלאַט מענטשן, וועלכע האָבן מיט מיטפילנדיקע פריידיקע טרערן געקוקט אַפן פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט, ווי אַף זייערן אן אייגענעם. מיכל אליין איז אַף עטלעכע רעגעס געבליבן ווי צעמישט. ער איז צוגעפאַלן צו זײַן ראַיען, צום זון און ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון זיי. ער דערוויסט זיך, אַז זײַנע עלטערן האָבן ניט באַוויזן זיך צו עוואַקוירן און זײַנען אומגעקומען אין סטאַלינדאָרפער ראַיאָן.

שוין אזויפיל יאָרן אדורך נאָך דער מילכאָמע, נאָר קיינער און גאָרנישט ווערט ניט פאַרגעסן. אָט די זאָרג וועגן די פראָנטאָוויקעס־וועטעראַנען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט בלינער ניט לאַנג צוריק אויסגעפרווּווט אַף זיך אליין, ווען עס האָט אים אין צוויי און דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע געפונען די הויכע מעלוכישע באַלוינונג — אַן אָרדען „רויטער שטערן".

דאָס איז געווען אין יוני 1975, ווען דער ווידנאָווסקער שטאָטישער מיליטער־קאָמיסאַר פון דער מאָסקווער געגנט האָט אײַנגעלאַדן מיכאַיל באַריסאָוויטש בלינערן און אין א פײַערלעכער אומגעבונג אים איבערגעגעבן דעם אָרדען און אויך מעדאַלן פאַר דער געוואַגטקײַט און העראָיזם, וואָס ער האָט אַרויסבאַוויזן אַפן וואָלכאָוו־פראָנט.

די קינדער, די אייניקלעך האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זײַן נײַער דירע און אים באַגריסט מיט דער באַלוינונג. די דערמאָנונגען זײַנען געווען שווערע, עס איז אָבער אלעמען פריילעך געווען אַפן הארצן, ווײַל מאָרגן גייט יעדערער פון די בלינערס צו זײַן געוויינלעכער פרידלעכער אַרבעט, די אייניקלעך וועט מען אַרויסבאַגלייטן, וועמען אין שול און וועמען אין קינדערגאָרטן. אלץ און יעדערער וועט זײַן אַף אַן אָרט...

— אויב איר זײַט נאָך ניט זייער מיד, — באַמערקט בלינער, — קאָנען מיר מיט אײַך פאַרײַנוועגס אַרײַנגיין אין דער פינפטער אָראַנזשערייע, ווו עס אַרבעט הײַנט מיט זײַן בריגאַדע מײַן סעמיאָן, דער עלטערער זון. ער טראָגט, זאָל עס הייסן, דעם נאָמען נאָכן זיידן שמילעק, אָלעווהאַשאַ־

לעם. איך וויל אײַך אָבער וואָרענען, אז ריידן, צי עפּעס דערציילן וועגן זיך און זײַן בריגאדע וועט ער ניט האָבן די מעגלעכקײַט, באזונדערס איצט, בעשאס עס גייט דער מאָנטאזש פון א נײַער רערן־סיסטעם. און ביכלאל האָט ער ניט ליב, מײַן שמילעק, ווען מע קוקט בייס ער ארבעט, צי מע ווענדט אים מיט עפּעס אָפּ...

— אדעראבע, אין דער היים באם טיש איז עפּעס אנדערש. דאָ וועט ער גרייט זײַן מיט אײַך אונטערצוהאלטן א שמועס אף וואָסער טעמע איר ווילט. זאָל זײַן טעכניק, ספּאָרט און אפילע קונסט. כאָטש קיין הויכע בילדונג, ווי איר זעט, האָט ער ניט. נאָר גלאט אזוי פון זיך אליין, פון באזוכן לעקציעס... ער איז לויטן כאראקטער א באָכער א קאָמפּאנייסקער. טרעפט ווען, מע קלײַבט זיך בא אונדז צונויף אף א סימכע, איז ער דער גלאוונער באם טיש. די טאָכטער מײַנע ליובע — זי איז, פארקערט, אן אײַנגעהאלטענע, א שווײַגערקע. סיאָמע האָט באשטימט, אז נאָכן אכטן קלאס גייט ער זיך לערנען אין א פּראָדוציר־שול און אז זײַן ציל איז גראדע ניט דער אוניווערסיטעט. ער וויל ווערן א קוואליפיצירטער ארבעטער. און זי, ליובע, ווען זי האָט שוין געפירט איר זון אין די קינדער־יאסליעס, האָט זי, ניט ווארפנדיק די ארבעט, גאנץ פײַן פארענדיקט דעם פּלאנאָווע־עקאָנאָמישן אינסטיטוט. און וואָס יאָ, פון דער ערד־ארבעטערישער מי האלטן זיי ביידע, אזוי זײַנען זיי שוין בא אונדז געוווינט פון דער קינדהײַט...

— אין הײַנטיקן רעגנדיקן זומער, ווען עס האָט געהאלטן שמאָל מיטן היי־שניט איבערן ניט גינסטיקן וועטער, איז צוזאמען מיט די פעלד־ארבעטער ארויס אף די לאָנקעס און אף די וואלד־פּאסן דער גאנצער סאָווירט. אין יענע טעג האָט אויך ליובע, די הויפּט־עקאָנאָמשע, מיט איר גאנצן אָפּטייל זיך אײַנגעשלאָסן אינעם היי־שניט, פארבײַטנדיק ציַיטווײַליק די אריפמאָמעטערס אף קאָסעס און הראבליעס. אף אלע בערגלעך און טאָלן, דאָרט, ווו עס קאָנען ניט דורכגיין די שנײַד־מאשינעס, האָט מען געלאָזט אין גאנג דאָס אלטע געצײַג. ליובע מיט איר בריגאדע פּלאנאָוויקעס האָבן באוויזן עקסטרא־קלאס אין פעלד. זיי האָבן פארגרייט פאר צוויי וואָכן מער פון צען טאָן היי...

גייענדיק פּאמעלעך צוריק פון די אָראנזשערייען, עטוואָס אײַנגעמידטע, אין דער ריכטונג פון דער צענטראלער טייל פונעם סאָווירט־יישעוו, זײַנען מיר ארײַן שוין ווײַט אין דער צווייטער העלפט טאָג. ווען איך האָב לעבן רעסטאָראן פאָרגעלייגט בלינערן ארײַנגיין אהין צוזאמען אָפּעסן א מיטיק, האָט ער קאטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג:

— סטײַטש, מיר געפינען זיך דאָך לעבן מײַן שטוב, אָט הייבן מיר זיך אויף אפן צווייטן שטאָק, וועט אונדז ראַיסע סאמוילאָווגע אפגיך עפּעס צוגרייטן אף א היימישן אויפן, קאָן זײַן אפילע — אָן אוקראַינישן באָרשטש, וואָס זי, די אמאָליקע שעף־קעכן פון דער סאָווירטישער גאָר־קיך, ווייסט וויאַזוי צו קאָכן... סײַדן איר ווילט זיך גלאַט באַקענען מיטן סערוויס אין אונדזער רעסטאָראַן. איז גייט אַהין אַרײַן אַן אַנדערש מאָל.

איידער איך האָב זיך ארומגעקוקט אין מיכל בלינערס דירע, האָט די באַלעבאָסטע שוין באַוויזן דעקן דעם טיש. עס איז, ווײַזט אויס, געוואָרן א טעווע בא מענטשן, בייס עס קומט אַרײַן א גאַסט, בלעטערן אַלטע און נײַע פאָטאָגראַפיעס. בא די בלינערס זײַנען אָט די פאַמיליע־רעליקוויעס גרופּירט כראָנאָלאָגיש אין באַזונדערע אלבאָמען. אָט איז בלינער מיט זײַן פרוי אין פרײַדאָרפער דאָרפסראַט פאַר דער מילכאָמע אין טאָג פון זייער כאַסענע. אף צוויי פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס זעט מען בלינערן נאָך א יִנגל מיט זײַן טאַטן אין סטעפּ אפן פאָן פון א טראַקטאָר מיט א זיי־מאַשין ערעוו דעם ערשטן קאָלעקטיוון פרילינג־פּאַרזיי. און אף דער אַנדערער — מיכל בלינער צווישן א גרופּע יִנגלעך און מיידלעך אף א פּיצוכט־סעמינאַר פון יונגע זאָאָטעכניקער אין דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּרווו־סטאַנציע אָסקאַנא נאָווא.

און אָט זײַנען נאָך צוויי פאָטאָגראַפיעס — בוילעטע אילוסטראַציעס צו בלינערס ביאָגראַפיע. אף איינער פון זיי, דאַטירט מיטן יאָר 1943, שטייט ער אין מיליטערישן שפּיטאָל, אָנגעלענט אף א קוליע. און אף דער אַנדערער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן שוין נאָך דער מילכאָמע, זעט מען אים, דעם בריגאַדיר פון א פּיצוכט־בריגאַדע אין סאָווירט „מאָסקאָווסקי", אף א פערד־און־וועגעלע, אין א ברעזענטענעם רעגנמאַנטל בייס איינעם אַן אַרויספאָר איבער די סאָווירטישע גיטער.

דאַכט זיך שוין דורכגעבלעטערט אַלע אַלבאָמען, און צולעצט זיך אָנגעשטויסן אף איינער גאָר א פרישער פאָטאָגראַפיע: א גרויסער אוילעם בא געדעקטע טישן.

— דאָס איז געווען אף דער כאַסענע פון דער יִנגסטער פּלעמעניצע, — דערקלערט בלינער, — אָט שטייט זי אין סאַמע מיטן. דאָ קאָנט איר בײַכלאַל זען אַלע בלינערס, סײַ די סאָווירטישע, סײַ די, וואָס לעבן אין מאָסקווע און פיל ווײַטער אפילע... די יִנגסטע שוועסטער מײַנע, ליזע,

וווינט אין א שטאָט אפּן ווײַטן צאָפּן. זי איז דאָרט אַן אווטאָגענשטשיצע און קאָן שוין וויפל יאָר מיט איר צאָפּן און מיט איר מאנצבלשער פּראָפעסיע זיך ניט שיידן...

אין דרויסן איז געשטאנען א מילדער סאָף טאָג. די פארשקיעדיקע זון האָט אראָפּגענידערט אירע צעגליטע שטראלן אלץ נעענטער און נעענטער צום האָריזאָנט, גלײַך זי וואָלט זיי באהאלטן אונטערן גלעזערנעם דאך פון די אָראנזשערייען. אף די שטעגן און דורכפאָר־וועגן האָט זיך באוויזן מערער אוילעם. מענטשן זײַנען געגאנגען פון דער ארבעט.
בלינער האָט מיך באגלייט צו דער אָפּשטעל־סטאנציע פונעם אווטאָבוס, און אליין איז ער אוועק אף דער זיצונג פונעם פארטיי־אקטיוו. נאָך א גאנצן טאָג ארומגיין איבער די שטילע סאָווירט־באצירקן, בין איך ווידער ארײַנגעפאלן אינעם אומופהערלעכן מענטשן־שטראָם, וואָס גיסט זיך ארײַן אין דער הויפּטשטאָט.

באַם אַלטן ברונעם

וואָס עלטער דער מענטש ווערט, אַלץ שטאַרקער דערוועקט זיך אין אים די צוציִונגס־קראַפט צו זײַן געבוירן־אָרט. ער טרוימט נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט דער קינדהײַט, מיט זײַנע פרײַנט און שול־כאַווערים, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געוואַקסן, געלאָפן צום טײַך, פאַרבראַכט אין פּיאָנערן־לאַגער. זיסע דערמאָנונגען שנירלען און בינדן זיך איינס צום אַנדערן, ווי פאַרכאַפּנדיקע צויבער־מײַסעלעך. זיי רעגן די מאַכשאָוועס, רופן אונדז נאָך מער צו שעצן און ליב האָבן דאָס לעבן, אַלץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום. עפּשער טאַקע דערפאַר האָבן מענטשן פון מײַן דאָר אָנגעהויבן אין די לעצטע יאָרן אָפטער באַזוכן דאָס שטעטל, וואָס האָט פאַר די היפּשע דריטהאַלבן צענדליק יאָר, נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט פון דאָרט אַרויסגעיאָגט די היטלערישע פאַרכאַפּערס, ניט נאָר פאַרהיילט די מילכאָמע־וווּנדן, נאָר אויך זיך צעבויט און צעוואַקסן און ענדגילטיק געביטן דעם פאַרמילכאָמעדיקן אויסזען. די, וואָס זײַנען דאָרט א לאַנגע צײַט ניט געווען, דערקענען שוין קוים דאָס שטעטעלע.

ווער עס זאָל ניט אַראָפּקומען צוגאַסט אינעם שטעטל טשעמעראָוויץ, הייבט אָן זײַן באַזוך פון שמערל סיראָטאַס יערושע־שטוב — איינע פון די ווייניקע גאַנץ־געבליבענע הײַזער. שמערל האָט דאָ געלעבט פאַר דער מילכאָמע זאַלבעצווייט מיט זײַן מאַמען. איצט וווינט ער דאָ אויך — ער און זײַן ווײַב, ראָכל די מאָדיסטקע, פון געבוירן אויך א טשעמעראָוויצער. שמערל איז ביז דער מילכאָמע געווען א בוכהאַלטער אין ראַיויספּירקאָם, און מיט אָט דער פּראָפעסיע שיידט ער זיך ניט ביז איצט. אין דער יוגנט פלעגט ער זיך ניט באַגעגענען מיט דער שוואַרצכיינעוודיקער שנײַדערן ראָכיל אײַזמאַן, זיי האָבן אַפילע איינס דאָס אַנדערע רעכט ניט געקענט, ווײַל קיין נאָענטע שכיינים זײַנען זיי ניט געווען, ראָכל האָט געלעבט ערגעץ אין די הינטערגעסלעך, און ער אָף דער אַנטקעגנבעריקער זײַט פונעם מאַרק־פּלאַץ.

צונויפגעפירט האָט זיי דער טראַגישער גוירל. דאָס איז געווען נאָך דער צווייטער פאַשיסטישער אַקציע, באַם אויסראָטן די שטעטלשע ייִדישע באַפעלקערונג. די היטלעריסטן האָבן אין איינעם א זומער־טאָג אַוועקגעטריבן אַלע ייִדן פון טשעמעראָוויץ אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער לאַגער,

ווו מע האָט זיי איינגיכן, צוזאַמען מיט די ייִדן פֿון אַנדערע שטעטלעך, אומגעבראַכט אין די מאַסן־גריבער בײַ אַ וועלדל, דרײַ קילאָמעטער הינטער דער שטאָט.

שמערלען האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפֿן אין נאָענטן דאָרף טערעמקאָווצי, ווו מע האָט אים גוט געקענט, ווײַל ייִנגלווײַז, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער, האָט ער זיך דאָרט פֿאַרנומען מיט שנײַדערײַ. אין דער זעלבער צײַט איז אַהין אַנטלאָפֿן אויך ראַכיל. דערציילן, וויאַזוי די אוקראַיִנישע פּויערים פֿון דעם דאָרף האָבן אין מעשך פֿון דריטהאַלבן יאָר אויסגעהאַלטן די צוויי מענטשן, איז אין אַ קורצער פֿאַרצייכענונג ניט מעגלעך.

לאָמיר זיך דעריבער דערנעענטערן צו מער פֿריידיקערע געשעענישן פֿון יענער צײַט. סאָף מאַרץ 1944 האָבן שמערל און ראַכיל זיך אומגעקערט אין שטעטל, וואָס איז נאָרוואָס באַפֿרײַט געוואָרן, נאָר די פֿאַשיסטן האָבן עס צעשטערט און צערויבט. דאָס איז געווען אַ שוידערלעך בילד. צום גליק, זײַנען נאָך פֿאַר זייערע אויגן געשטאַנען יענע גוטע דאָרפֿישע מענטשן — זייערע רעטער, אַדאַנק וועמען זיי האָבן דערלעבט דעם גליקלעכן טאָג. גראָד אין יענער צײַט, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט פֿאָרגעזעצט יאָגן דעם פֿאַרביסענעם סוינע אויף מײַרעוו, האָבן די צוויי עלנטע מענטשן, שמערל און ראַכיל, בײַ די אַלטע ווענט פֿון זייער כאָרעווער היים זיך געגעבן דאָס וואָרט כאַסענע צו האָבן, קעדיי צוזאַמען בויען דאָס לעבן אָפּסנײַ.

אינגיכן האָבן אין שטעטל זיך אומגעקערט נאָך פֿינף ייִדישע פֿאַמיליעס, צווישן זיי די שוועסטער גאָלדשטיין, וועלכע זײַנען אויך אַנטלאָפֿן פֿון דער געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אַנדער שכײנעסדיק דאָרף. וועגן דעם גוירל פֿון די שוועסטער גאָלדשטיין האָב איך זיך דערוווּסט אין די ערשטע כאַדאָשים נאָכן גרויסן זיג פֿון זייערן אַ בריוו, דאַטירט דעם 27 אויגוסט 1945, צו מיר אין דער מיליטער־טייל, וואָס איז געשטאַנען בײַ דעם שפּרעע־טײַך, ניט ווײַט פֿון בערלין.

אָט וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן אויף די פֿאַרגעלטע בלעטלעך:

„טײַערער לאַנדסמאַן!

מײַן בריוו וועט זײַן פֿאַר דיר אומגעריכט. עס שרײַבט דיר גאָלדשטיין פּירע יאַקאָוולעוונע (עסטער יאַנקעלעס — אַזוי האָט מען מיך גערופֿן אין שטעטל). פֿון די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועמען ס׳האָבן פֿאַרמוטשעט די היטלערישע גאַרגלשנײַדער, האָט מיר אָפּגעגליקט צו בלײַבן לעבן. אונדזערע עלטערן און קרויווים האָבן די היטלעריסטן מערדעריש אומגעבראַכט...

דײַן בריוו, וועלכן דו האָסט אדרעסירט צו דײַנע עלטערן, האָט מען איבערגעגעבן מיר. מיט גרויס מיטלײַד מוז איך דיר מיטיילן, אז פון דײַנע אייגענע איז אויך קיינער ניט געבליבן לעבן. איך לייען די זײַטלעך פון דײַן בריוו, און ביטערע טרערן פארקלעמען דאָס הארץ.

ס'איז שווער צו באשרײַבן די שרעקלעכע טעג און נעכט, וואָס איך האָב צוזאמען מיט מײַן שוועסטער איבערגעלעבט אין די דריטהאלבן יאָר פון אונדזער באהעלטעניש. מיר פלעגן זעלטן דורך א שפּארונקעלע זען די זונען־שײַן. איך בין מעקאנע געווען אפילע די באלעכאַים, באזונדערס די פויגלען, זיי פליִען דאָך ארום אף דער פרײַ.

ענדלעך איז געקומען דער לאנגדערווארטער טאָג פונעם 25 מארט 1944, ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט באפרײַט אונדזער שטעטל און אויך מיך מיט דער שוועסטער — צוויי יעסוימים, נאקעטע און באָרוועסע. איך בין אָבער גליקלעך, וואָס איך האָב דערלעבט מיט מײַנע אויגן צו דערזען דעם פינצטערן סאָף פון די היטלערישע באנדיטן. איך בין גליקלעך דער־פאר, וואָס מיר לעבן אין אונדזער סאָוועטנלאנד.

איך ארבעט ווידער אלס לערערן אין דער טשעמעראָוויצער שול, מײַן שוועסטער ליזע — אין ראיויספּירקאָם. אין שטעטל לעבן הײַנט־צו־טאָג פינף יִדישע מישפּאָכעס. דערווײַל האָב איך זיך מיט דער שוועסטער באַ־זעצט אין א פרעמד הויז (אונדזער שטוב איז צעוואלגערט). צוזאמען מיט אונדז וווינט קלארע קעלמאן (כײַקע לייצעס), א מיטארבעטערן פון ראַי־קאָם. מיר לעבן צווישן זיך פרײַנטלעך, ווי אייגענע. עס קומען אָפט צו פאָרן אונדזערע טשעמעראָוויצער, וועלכע לעבן אין פארשיידענע שטעט, די מערהײַט פון זיי זײַנען געוועזענע פראָנטאָוויקעס.

איצט געפינען זיך בא אונדז צוגאסט אונדזערע שול־כאווײרים ליפּע גערשנשטיין און קיווע מאקטאז. א גרוס דיר פון זיי און אויך פון שמערל סיראָטע און ראכיל אײַזמאן.

זײַ געזונט. איך האָף, אז מיר וועלן זיך זען".

פון דעמלט זײַנען שוין פארבײַ קימאט דריטהאלבן צענדליק יאָר. מענטשן לעבן און ארבעטן, באגעגענען זיך, פאָרן איינער צום אנדערן צוגאסט, דערמאָנען די אומגעקומענע.

„איך ווארט פון דיר א בעאריכעסדיקן בריוו, — שרײַבט רײַע גרינ־בערג פון יעוופאטאָריע, — וועגן דײַן באזוך אין אונדזער שטעטל טשע־מעראָוויץ. אין מײַן אורלויב־כוידעש האָב איך דורכגעמאכט א רײַזע אי־בער די שטעט, וואָס זײַנען פארבונדן מיט אונדזער יוגנט, אָנגעהויבן פון

כאַרקאָוו, און פון דאָרטן קיין דאָנעצק, וואָראָשילאָווגראַד, זשדאַנאָוו, טאַ־גאַנראָג, קראַסנאָדאָר ביז צו פּאָלטאַווע. פאַרשטייט זיך, אַז פון דער רײַזע האָב איך באַקומען אַ יאַם מיט פאַרגעניגן, באַזונדערס פון כאַרקאָוו — אונדזער ברויזנדיקער סטודענטן־שטאָט, ווו איך האָב באַגעגנט אַ סאַך פרײַנט און צווישן זיי אויך אונדזערע לאַנדסלײַט כײַקע און כאַסקל מויגער, די דאָרפמאַנס, דו דאַרפסט זיי אַוואַדע געדענקען, און מירע פּאָליִשטשוק. כ׳האָב אַפילע געפונען מײַנע אַ כאַוועריטע נאָך פון די פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן. ווי אָנגענעם עס איז אַרומצושפּאַצירן איבער די גאַסן פון דער זיך צעוואַקסענער אין דער לענג און אין דער ברייט מעכטיקער שטאָט, וואָס קאָן זיך שוין אויך באַרימען מיט גערעמע און ליכטיקע מעטראָ־סטאַנציעס. פאַר דער מילכאָמע האָט מען געקאָנט בלויז טרוימען וועגן דעם. מײַן גיד איז געווען מירע. מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען אַפילע אַרײַנגעגאַנגען אין דער זעלבער גאָרקיך, ווו מיר פלעגן אין די סטודענטישע יאָרן פרישטיקן און מיטיקן. זיצנדיק באַם עסטיש, האָבן מיר דערמאָנט פיל פון אונדזערע שול־כאַווײרים. אויסרעכענען אַלע, ווער אין וואָסער שטאָט עס לעבט איצט, איז שווער".

מעגלעך, אַז גראָד דעמלט, ווען רײַע האָט געשריבן אירע אײַנדרוקן פון דער זומער־רײַזע, איז צוגאַסט קיין טשעמעראָוויץ זיך צונויפגעפאָרן פון פאַרשיידענע שטעט אַ היפּשער אוילעם לאַנדסלײַט, די מערהײַט פון וועלכע עס האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל נאָך אין די ערשטע פינפיאָרן, ווען די יוגנט האָט זיך אַ צי געטאָן אין די אינדוסטריעלע שטעט פון אוקראַינע, אוראַל, סיביר און ווײַטן מיזרעך — ווער צו די נײַבויונגען און ווער צו דער לער אין די טעכניקומס און אינסטיטוטן. אָבער דאָס געבוירן־שטעטל האָט מען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

קוים באַוויזן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין האָטעל, איז מען אוועק אָפּזוכן שמערל סיראָטאַס שטוב, וועלכע שטייט אַף דער גאַס לענגויס דעם געדיכטן שאָטנדיקן סקווער, וואָס די יוגנט האָט פאַרפלאַנצט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע. איצט זעט מען דאָ, אין סאַמע צענטער פון דעם סקווער, ניט ווײַט פונעם לעניין־דענקמאָל, דעם מאָנומענט אַפן ברודער־קייווער פון די געפאַלענע אין שלאַכט פאַר באַפרײַען דאָס שטעטל — אָט דעם אייביקן שפּור פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. מיט אַ פאַרנייגטן קאָפּ האָט יעדערער פאַר זיך מיט ציטערנדיקע ליפּן געלייענט אַפן מעמאָריאַל־טאָוול די נעמען פון די אַריבער הונדערט אומגעקומענע סאָלדאַטן און אָפיצערן. לענגער פון אַלע האָט באַם ברודער־קייווער זיך פאַרהאַלטן דער עקאָנאָמיסט מישע שעכטער, אַרויסברענגענדיק שטילערהייט די אים באַקאַנטע נעמען פון סאָלדאַטן און אָפיצערן, מיט וועלכע ער האָט

צוזאמען אין יענעם מאַרט־טאָג פון 1944 באַפרײַט זײַן געבוירן־שטעטל פון די היטלעריסטן.

שמערל סיראָטאַס שטוב שטייט באַם אָנהייב פון דער פּערוואָמײַסקער גאַס. פאַר דער מילכאָמע איז דאָס שטעטל געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט זיך אַפילו ניט געניייטיקט, מע זאָל אָנרופן יעדע גאַס מיט אַ נאָמען, כאָטש אַלס אַ ראַיצענטער איז עס געקרוינט פון טאָמיד אָן, געפינענדיק זיך אין סאַמע מיטן פון די רײַכסטע און ברייט צעצווײַגטע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען. פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר האָט מען דאָס שטעטל אָפּסנײַ אויסגעבויט, עס איז באַוואַקסן געוואָרן מיט גאַסן און געסלעך, מיט גע־בײַדעס פון אונטערנעמונגען און קולטור־אַנשטאַלטן, מיט אַן אויטאָוואָק־זאַל. טשעמעראָוויץ האָט באַקומען אַ שטאָטישן אויסזען.

בײַ די סיראָטאַס האָבן מיר געטראָפן די באַלעבאָסטע אַליין, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין דער ציכטיקער קיך מיט די בלוי־ווײַסע ווענט. דער רייעך פון פרישן קאַלך האָט מיט עפּעס דערמאָנט אין דער פאַר־גאַנגענהײַט... דערזען מיטאַמאָל דעם היפשן אוילעם, איז ראַכיל עטלעכע רעגעס געבליבן ווי געפּלעפּט. זי האָט קימאַט אַלעמען דערקענט. באַזונ־דערס די, וואָס זײַנען זינט נאָך דער מילכאָמע אַהער שוין ניט איין מאָל פאַרפאָרן.

אַזאַ מעסיבע, ווי הײַנט, האָט ראַכיל בײַ זיך אין שטוב שוין פון לאַנג ניט געזען, סײַדן אָף דער כאַסענע פון איר זון, וועלכער איז באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ מיידל פון כמעל־ניצקי און טאַקע מיט איר אַהין אָף שטענדיק אַריבערגעפאָרן און זיך דאָרט ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט אָף אינזשעניערישע שטעלעס. פאַראַ־יאָרן האָבן זיי שוין באַקומען אַ באַזונדערע דירע אין אַ נײַעם מיקראָ־ראַיאָן. איצט האָבן טאַטע־מאַמע אַ צוגאָב־אַרבעט צו פאָרן אַלע אָפּרו־טעג זיך זען מיטן אייניקל. נאָך גוט, וואָס זיי ווױנען נאָענט צום אויטאָ־וואָק־זאַל, פונוואַנען די אויטאָבוסן גייען אָפּ עטלעכע מאָל אין טאָג לויט אַ פּינקטלעכן גראַפיק.

אַ צופרידענע מיט די געסט, האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— אַזויפיל אונדזעריקע, קיין אײַנהאָרע. ווען שמערל זאָל וויסן...— זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער,— נו, יאָ, ער דאַרף שוין אינגיכן קומען עסן מיטיק.

בעשאַס דער אוילעם האָט זיך היימלעך אײַנגעמאָסטעט, ווער אין שטוב אַרום טיש און ווער אין דרויסן נעבן סיראָטאַס פלוימען־סעדל, האָב איך באַשלאָסן צוגיין צו שמערלען אָף דער אַרבעט. אין אַ צען מינוט אַרום

בין איך שוין געווען נעבן ראַיויספּירקאָם. עטלעכע מאַסיווע טרעפּ האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין וועסטיביול פון דער נײַער צווייטשטאָקיקער געבײַדע. פון אונטער א גלאָז, וואָס איז צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט, אף רעכטס באַם אַרײַנגאַנג, האָט אַרויסגעקוקט אַן אָפּגעדרוקטער אָנצײַגער מיט די נומערן פון די אָפּטיילן פון ראַיויספּירקאָם. א יונגער מיטאַרבעטער האָט מיך צוגעפירט צו א טיר אף דער לינקער זײַט פונעם קאָרידאָר.

דעם כאַווער סיראָטאַ, סעמיאָן מאַריאַנאָוויטשן, וועט איר טרעפן אין אָט דעם קאַבינעט.

אינעם ניט גרויסן צימער זײַנען באַ זייערע טישן, איינער אנטקעגן אַנדערן, געזעסן פּאַרטאָן אין פּאַפּירן — דער וועטעראַן פון די ראַיאָנע פינאַנץ־טוער שמערל סיראָטאַ און א בלאָנד מיידל אין א דזשינסאָווער קלייד, הויך געשפּיליעט, זעט אויס, סעמיאָן מאַריאַנאָוויטשעס געהילף.

מיר האָבן ביידע זיך גלײַך דערקענט און מיט פרייד זיך מאַנצבלש אַרומגענומען. א ווײַלע באַקוקט איינער דעם אַנדערן און פּאַשעט גע־שוויגן, ניט וויסנדיק, פון וואָס אָנצוהייבן. דאָס בלאָנדע מיידל האָט, פון איר זײַט, געקוקט אף אונדז מיטפּילנדיק, גלײַך ווי זי וואָלט וועלן מיט עפּעס אונדז אַרויסהעלפן.

— גייט זיך דורך מיט אײַער גאַסט א ביסל שפּאַצירן, — האָט זי זיך געווענדט צו שמערלען, — אַלציינס איז שוין באַלד די צײַט פון מיטיק.

— א דאַנק, נאַדינקע. — האָט שמערל געענטפערט דעם בלאָנדן מיידל און דערבײַ צוגעגעבן: — איך וועל זיך, מעגלעך, נאָך מיטיק א ביסל פאַרהאַלטן.

דער צימער מיט די צוויי טישן האָבן מיטאַמאָל א קערעווע געטאָן דעם זיקאָרן אף פערציק יאָר צוריק — צו יענעם אורלויב־כוידעש ערעוו דער מילכאָמע, ווען כ׳האָב אין איינעם א טאָג זיך געטראָפן מיט שמערלען אף זײַן אַרבעט אין דער אַלטער געבײַדע פון ראַיויספּירקאָם. יענער צימער, געדענקט זיך מיר, איז געווען ענלעך אף דעם איצטיקן, אויסגעשטאַט מיט א ביכער־שראַנק און מיט צוויי קאָנטאָר־טישן, פאַרוואַלגערטע מיט פּאַפּ־קעס און צירקוליאַרן. נאָר באַ איין טיש איז דעמלט געזעסן אָנגעבויגן איבערן אַריפמאָמעטער אַן אַנדער מיידל, אונדזער שול־כאַווערטע פּאָלי־נע — פּאָליע רוכער, מיט וועלכער כ׳האָב זיך געלערנט אין איין קלאַס. אין אונטערשייד פון אַנדערע, איז פּאָלינע געווען באַזונדערס צוגעבונדן צום שטעטל, צו איר היים. זי האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זי האָט פאַרענדיקט בוכהאַלטערישע קורסן און אָנגעקומען אַרבעטן אין ראַיויס־פּירקאָם אַלס געהילף־בוכהאַלטער צו שמערל סיראָטאַ, דעם שוין דעמלט געניטן פינאַנסיסט, באַ וועמען ס׳איז געווען וואָס זיך אָפּצולערנען. זי האָט

אָבער אויך געטרוימט אָנקומען הינטערויגיק אין אינסטיטוט. די מילכאָמע האָט איבערגעקערט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ...

פּאָלינע האָט ניט דערלעבט צום טאָג פֿונעם זיג איבערן סוינע און ניט געזען דאָס אופגעבויטע שטעטל, צו וועלכן זי איז געבליבן אף אייביק צוגעבונדן. צוזאמען מיט אירע עלטערן האָבן די היטלעריסטן זי אומגע־בראַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער טויט־לאַגער. אויך שיקע, דער איינציי־קער ברודער אירער, האָט פֿון דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט. פֿון דער גאַנצער מישפּאָכע איז געבליבן לעבן בלויז מאַניע, די עלטערע טאָכטער.

גייענדיק פֿון ראַיוּפּירקאָם אהיים אף מיטיק, האָט שמערל זיך באַ־הערשט, און דער געפֿיל פֿון אומגעריכטקײַט, וואָס עס איז אָנגעפּאָרן אזא גרויסער אוילעם, איז קימאַט שוין דורכגעגאַנגען. ווען ער האָט אריבער־געטראָטן די שוועל פֿון זײַן דירע, איז ער שוין געווען פֿאַרכאַפּט פֿון א פריילעכן און שטיפֿערישן געפֿיל, און שוין ענערגישער, העכער ווי געוויינ־לעך ארויסגעבראַכט דעם „זדראַווסטוויטיעו״. אין דעם געמיש פֿון קעגנ־זײַטיקע פֿראַגן און ענטפֿערס האָט די באַלעבאָסטע באַוויזן ארײַנשטעלן אויך איר פֿראַגע:

— וואָס וועט איר זאָגן, ווי זעט ער אויס, מײַן שמערל?

שמערל האָט אונטערגעשמייכלט, ווענדנדיק זיך צום ווײַב:

— ראָכל, בעט די געסט זיך זעצן צום טיש, מע דאַרף עפּעס איבער־כאַפּן.

אין צווייטן צימער איז דער טיש שוין געווען צערוקט אף דער גאַנ־צער לענג, פֿאַרשפּרייט מיט א קווייטלדיקן טישטעך און ארומגעשטעלט מיט טעלער און גלעזלעך. אפֿן סאַמע ראַנד איז געשטאַנען א טשוהונע־נער טאָפּ. פֿון די הייסע זומער־קאַרטאָפֿל, איבערגעשאָטן מיט קריפּ און פּעטרעשקע, האָט זיך געטראָגן א דופּטיקער פּאַר, אויך די קאַלטע צובײַ־סעכצן האָבן ארויסגערופֿן אַפּעטיט.

קיין פֿלעשער זײַנען אפֿן טיש ניט געשטאַנען. די זאָרג האָט ראָכיל איבערגעלאָזט פֿאַר דעם באַלעבאָס. שמערל האָט געעפֿנט א שאַפֿע און פֿון דאָרט ארויסגעשטעלט אפֿן טיש עטלעכע פֿלעשער ווײַן, מעלדנדיק דערבײַ, אז די ווײַנען זײַנען פֿון זײַן אייגענער פּראָדוקציע — ווישניק און עפּל־ווײַן, פּאַראַיאָריקער און צווייאָריקער, ווען וועלכער ס׳געפֿעלט.

מע האָט אָנגעפֿילט די קעלישקעס, און דעם ערשטן טאָסט האָט גע־האַלטן שמערל:

— טײַערע פֿרײַנט, מיר אין דער פּראָווינץ שטאָלצירן מיט אײַך, ווײַל ווו איר זאָלט זיך ניט געפֿינען, מיט וואָס איר זאָלט זיך ניט באַשעפֿטיקן, זעען מיר אין אײַך דעם קויעך און דעם בײַטראָג פֿון אונדזער שטעטל

אינעם לעבן פון די גרויסע שטעט, און עס אימפּאָנירט אונדז אײַער צו־געבונדנקײַט צו דער אלטער היים...

בעשאס דער אוילעם האָט צוגעביסן, איז שמערל ארויס אף א ווײַלע אין סעדל, ווו עס האָבן געררײַפּט אף דער זון די פון אינדערפרי אָנגע־טרייסלטע פלוימען. פונדאָרט האָט ער זיך אומגעקערט מיט א פולן עמער און איבערגעלייגט די פלוימען אין די צוויי פּרוכטאָווע וואזעס, ווו ס'זײַנען שוין געלעגן ווײַס־ראָזעווע עפּל און ציטרוסקאָליריקע בארן; דאָס האָט געשאפן דעם אײַנדרוק פון אן עכטן נאטורמאָרט; באזונדערס האָט מען געלייגט אכט אף די שפּיצעכיקע פלוימען מיט זייער סימעטרישן פאלד אינדערמיט, אף וועלכן, ווי דו טוסט נאָר א קוועטש מיטן פינגער, פּיקט זיך גלײַך ארויס דאָס קערעלע. דעם טאם פון אָט די פּאָדאָליער זיסע און זאפטיקע פלוימען געדענקען מיר נאָך פון דער קינדהײַט.

באם אָנגיסן דאָס צווייטע קעלישעקל האָט מען ניט פארגעסן א שמועס טאָן וועגן דעם ווײַנשל־ווײַן, וועלכן מע האָט אין שטעטל פון טאָמיד אָן געשעצט ווי איינס פון די געשמאקסטע געטראנקען.

— אויבריידן וועגן ווײַן, — האָט זיך אָנגערופן שמערל, — דארפן מיר אָפּגעבן דעם פּריאָריטעט אונדזער גאסט פון אָדעס אוראָם טולטשינסקין...

ריווע פּאָגאָרעליס, די געוועזענע פּראָנטאָווויטשקע, וועלכע האָט זיך נאָך דער מילכאָמע באזעצט אין טשערנאָוויץ, אָפּגעבנדיק דאָרט העכער דרײַסיק יאָר דער געזונט־פּארהיטונג, האָט זיך אָנגערופן:

—צוליב דײַנע ווײַנען, אבראשע, וועל איך מוזן ספּעציעל צופאָרן קיין אָדעס. כ'האָב געמיינט, אז דו ביסט א ספּעציאַליסט בלויז אף בויען הייב־קראנען, לאָזט זיך אויס, אז דו ביסט דערצו נאָך א ווײַנציכטלער...

אין מעשעך פון א סאך יאָרן פארנעמט זיך דער אינזשעניער־קראנאָווו־שטשיק מיט זעלבסטעטיקער ווײַנציכטלערײַ אין זײַן אייגענעם סאָד באם ברעג פונעם שווארצן יאם. פלאנצן און איבערזעצן נײַ־קולטיווירטע סאָרטן ווײַנטרויבן, נאָכקוקן, אז עפּעס אן אינזעקט — א שעדיקער זאָל זיך צו זיי ניט צוכאפּן, שנײַדן די רײַפּגעוואָרענע שטענגלעך — איז טולטשינסקיס „האָבי". אנדערע ליבהאָבער פון סאָדצוכט קומען אָפּט צו טולטשינסקין נאָך קאָנסולטאציע, אָנפרעגנדיק זיך וועגן די אייגנשאפטן פון דעם אָדער אנדערן סאָרט ווײַנטרויבן.

אוראָם טולטשינסקי איז א באשיידענער מענטש — מיט טאקט און וואָרט, אן ערנסטער און טיפדענקענדיקער אינזשעניער, אן עכטער קאָנסטרוקטאָר, מיט איין וואָרט — א טיפּישער טעכניאָר. די ליבע צו טעכ־ניק, דער כוש צו דערפינדערישקײַט איז בא אים, קאָן מען זאָגן, אײַנגע־באקן אין בלוט.

די געוועזענע שול־כאַווייִרים געדענקען, וויִאַזוי אוורעמל האָט נאָך אין זעקסטן קלאַס קאָנסטרויִרט א מאָדעל פון א הייב־קראַן, נוצנדיק זיך מיט שטיקלעך בלעך, צונויפגעקליבענע שרייַפעלעך, מעטאַלענע טרייַבערלעך און צאָן־רעדעלעך פון אַן אַלטן זייגער (זייַן טאַטע לייב איז געווען אין שטעטל דער איינציקער זייגערמאַכער). טולטשינסקיס מאָדעל האָט פאַרדינט פאַרגעשטעלט צו ווערן אף אַן אויסשטעלונג פון קינדערשער טעכנישער שאַפונג. אָבער דעמלט האָט אוורעמל אפילע ניט געוואַגט צו טרוימען, אַז ס'וועט קומען א צייַט, ווען ער וועט אָנפירן מיטן מאָנטאַזש פון אַזעלכע מעכטיקע הייב־קראַנען, וועלכע ווערן איצט געשאַפן אין דער אָדעסער פראָדוציר־פאַראייניקונג פון שווערער קראַן־בויונג, וועלכע טראָגט דעם נאָמען «Январское восстание» — „דער יאַנוואַר־אויפשטאַנד“. אף דער מאָנטאַזש־פּלאַטשאַדקע פון דער „יאַנוואַרקע“, ווי די אַרבעטער רופן צערטלעך אָן זייער זאַוואָד, קאָן מען אָפט זען דעם פירנדיקן קאָנסטרוקטאָר טולטשינסקי אין זייַן טונקל־בלויען קאָמבינעזאָן, צווישן שלאָסערס, בעשאַס עס גייט דער מאָנטאַזש פון א נייַער מעכטיקער מעטאַל־קאָנסטרוקציע. אַבראַשע טולטשינסקי אַרבעט שוין מערער פון א פערטל יאָרהונדערט אף אָט דער אונטערנעמונג. ער געהערט צו די יאַטן פון דער „יאַנוואַרקע“...

נאָך מיטיק האָט מען באַשלאָסן זיך דורכגיין איבערן שטעטל צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים פון דער שטוב. אף אַלדאָס נייַס, וואָס דאָ איז פאַר די לעצטע יאָרן צוגעקומען, קוקט מען מיט נייַגער. מע שטעלט זיך אויך אָפּ בא די גאַנצגעבליבענע אַלטע הייַזער, וועלכע זעען אויס אין דער אַרומרינגלונג פון די מאָדערנע גאַסן ווי מוזיי־עקספּאָנאַטן.

אָט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בא לייזער רויפּעס שטוב, וועלכע איז אַמאָל געווען איינע פון די באַמערקבאַרע געבייַדעס אין שטעטל — א צווייִשטאָקיקע, מיט א גאַנעק לענגויס דעם פאַסאַד. אין אונטערשטן שטאָק האָבן געלעבט רייַצע די אַלמאָנע מיט עטלעכע קינדער און אומעניע דער קאַשקעטניק — א ייִד א קאַפּצן, וועלכער האָט גענייט דריקער קאַרטוזן און אַכטעקיקע קעפּקעס.

אויבערשטן שטאָק האָבן געלעבט צוויי עלטערע מענטשן, לייזער דער רויפע, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען דעריקיר א שערער, און פריידע די רויפעטע, — זי האָט געקענט צוגרייטן א ייַכל־פּלאַסטער, אָדער א האָניק־טייגל, צוליב אויסוואַרעמען א פורונקול צי עפּעס אַנדער מאַקע. מיט זייער גוטסקייַט האָבן זיי געשעמט ניט בלויז אין שטעטל, נאָר אויך אין די אַרומיקע דערפער. דער אַלטער לייזער פלעגט אין א נויט

שטעלן ווערמען פיאווקעס און ווערמען באַנקעס. ער האָט געקאָנט צולייגן אַן אויער צו דער ברוסט און, אָפּהענגיק דערפון, וויאַזוי דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, אײַנצעגען אײַנגעמען וואַלעריאַנאָווע טראָפּנס אָדער צולייגן אַ שמאַטקעלע, אײַנגענעצט אין קאַלטער וואַסער.

שפּעטער זײַנען אין שטעטל פון ערגעץ אַראָפּגעקומען צוויי ספּעציאַליסטן — דער פעלדשער כּאַוווכון און דער דאָקטער קאַמינסקי. איצט פאַרמאָגט טשעמעראָוויץ אַ גרויסן שפּיטאָל, אין וועלכן מע פירט דורך קאָמפּליצירטע כירורגישע אָפּעראַציעס, אַ געבורט־הויז, דיספּאַנסערן און קינדער־קאָנסולטאַציעס — אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צוליב דער געזונט־פאַרהיטונג פון די מענטשן.

הינטער אָט דער שטוב, צווישן די קלייטן, ווי מע האָט אַמאָל גערופן די גאַס, האָט געלעבט לייזער רויפעס איינציקער זון, נאַכמען לייזער רויפעס — אַ הויכער שטאַלטנער מאַנצבל מיט אַ האַדרעס־פּאָנעם פון אַן אינטעליגענט אין די מיטעלע יאָרן. ער איז געווען אַן עכטער פאַבריקמאַכער, וואָס האָט געשוירן לויט דער מאָדע — אַ פּאָלקע, באָקס און אַפילע אַ באָבריק. אַלטע לײַט, וועלכע פלעגן זיך שערן אַף גלאַט, אונטער אַ שערמאַשינקע, זײַנען געגאַנגען ניט צו נאַכמענען, נאָר צו לייזערן. ער פלעגט שערן וועלוועלער און אַפילע אַף באָרג.

נאַכמען איז געווען פון די ערשטע קאָרבאָנעס אין שטעטל. אים האָט דערמאָרדעט אַן עסעסאָוועץ פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע מיטן נאָמען זאָמער, וועלכער איז אַרײַן צום פאַבריקמאַכער אין שטוב און באַפוילן, אַז יענער זאָל אים „זאַובער” אָפּראַזירן. נאַכמען האָט אויסגעפילט דעם באַפעל, ניט האָבנדיק קיין פאַרדאַכט, אַז דער אומדערוואַרטער קליענט האָט מיט זיך געבראַכט פאַר אים דעם טויט. ווען נאַכמען האָט אים שוין אָפּגעראַזירט, האָט דער עסעסאָוועץ, אויפהייבנדיק זיך פונעם בענקל, מיט רעציכע אַ קוק געטאָן אַף נאַכמענען, וועמענס פּאָנעם איז בלאַס געוואָרן, ווי זײַן ווײַסער כאַלאַט.

— צײַג מיר דײַן ראַזיר־מעסער! — האָט באַפוילן דער היטלעריסט.

זאָמער האָט זיך אַ שפּיגל געטאָן אין דער בלישטשענדיקער שאַרף פונעם מעטאַל און אין עטלעכע רעגעס אַרום איבערגעשניטן נאַכמענען דעם האַלדז.

פון יענער גרויליקער צײַט זײַנען שוין אַדורך אַזויפיל יאָרן, נאָר באַ די לעבעדיקע איז פריש אין זיקאָרן נאַכמענס טראַגישער טויט. עפּשער לעבט נאָך ערגעץ דער עסעסאָוועץ זאָמער. דאָס בלוט פון נאַכמען דעם רויפעס האַלדז הערט ניט אויף זיך צו גיסן, און כאָרכלענדיקע גאָרגלקלאַנגען רופן צו נעקאָמע...

מיר דערמאָנען זיך אין אלטן ברונעם, לעבן וועלכן די אײַנוווינער פון שטעטל פלעגן יעדן טאָג באם שעפן וואסער זיך באגעגענען. יאָ, אָט די טיפע קרענעצע, אן אויסגעלייגטע פון אויבן ביז אראָפּ מיט שטיינער, א באוואקסענע מיט גרינעם מאָך, און אויך דעם אלטן בעסוילעם אפן בערגל הינטער דער באָד מיט זײַנע הונדערטיאָריקע מאצייוועס, ארײַנגעוואקסענע אין דער ערד צוזאמען מיט די אויסגעקריצטע אופשריפטן, האָט די צײַט פארהיט פאר אונדז ווי צוויי דענקמעלער פון דער ווײַטער פארגאנגענהײַט.

— אויב איר ווילט זען דעם אלטן ברונעם,— האָט שמערל זיך געווענדט צום אוילעם,— קאָנען מיר באלד צו אים צוגיין. ס'איז אים איצט ניט לײַכט צו געפינען, ווײַל אפן געוועזענעם מארק־פלאץ איז אויסגעוואקסן א נײַע גאס, דעם ברונעם, אָבער, האָט מען פארהיט. צופעליק האָט זיך באקומען אזוי, אז ער געפינט זיך איצט אינעם הויף פון כאַים געלמאנס קאָטעדזשל — אן אינזשעניער־פלאנאָוויק, צו וועמען איך בין אן אָפטער ארײַנגייער.

שמערל האָט היימיש געעפנט די געפארבטע קאליטקע, און מיר זײַנען ארײַן אין הויף.

— אונדזער אלטער ברונעם...— בא אָט די ווערטער האָט בא יעדערן א ציטער געטאָן דאָס הארץ.

לויט דעם געדיכטן גרינעם גראָז ארום אים, ווי אויך לויט דעם צוגעמאכטן דעקל פונעם ברונעם־קאסטן, אף וועלכן עס האָבן זיך געווארעמט אף דער זון געלבלעך־גרינע פּאָמידאָרן, האָט מען געקאָנט פארשטיין, אז מיט דעם ברונעם נוצט מען זיך איצט זעלטן, ווײַל דאָס שטעטל פארמאָגט אן אייגענע וואסערלייטונג. יעדערער פון אונדז האָט, צורירנדיק זיך צום אײַזערנעם הענטל פון דער אויסגעקארבטער און אויסגעשליפענער הילצערנער קאָרבע, געפרווט ארײַנקוקן אין דער טיפקײַט פונעם ברונעם, קעדיי נאָכאמאָל, ווי אין די יוגנט־יאָרן, ארײַנפליוכענדיק דעם שווערן עמער, זיך אָפשפיגלען אין דער צעשטערטער וואסער־אויבערפלאך. יאָ, ער שטייט נאָך, דער ברונעם. וויפל דוירעס פונעם שטעטל האָט ער אָנגעפויעט מיט זײַן אײַז־קאלטער וואסער, וויפל גליקלעכע פּאָרלעך האָבן ארום אים זיך צונויפגעפּאָרט, שפּאצירנדיק אין די לעוואָניקע אפדערנאכטן איבער דעם פארכאָלעמטן מארק־פלאץ.

די געשיכטע פון איינעם א פּאָרל וויל איך דאָ דערמאָנען.

צווישן דער יוגנט אין שטעטל האָט אין יענע יאָרן געהערשט א מין ווידערווילן אין פאל, ווען עמעצער פלעגט כאסענע האָבן ערגעץ אין א פרעמד אָרט.

— וואָס זשע, האָסט זיך שוין ניט געקאָנט אויסקלײַבן קיין קאַלע צווישן אונדזערע?

— קאַרג כאַסאַנים זײַנען פֿאַראַן בא אונדז אין שטעטל?

די טשעמעראָוויצער יוגנט האָט געשעמט אין גאַנצן אָרום מיט איר ענערגיע און פּאַשטעס. באַזונדערס די מיידלעך — אונדזערע טשעמעראָוויצער מיידלעך — איינע פֿון דער אַנדערער שענער — באַשיידענע, בידאָווע, עכטע בעריעס. אויב אַ מיידל האָט ליב באַקומען — איז אַף אייביק, מיט דעם גאַנצן פֿײַער. אויב ניין — איז ניין.

אין איינער פֿון אונדזערע שיינהײַטן — אין כאַוועס רודיס — האָט זיך אײַנגעליבט אַ שול־כאַווער מישע סימאַ. געקוקט אַף איר, נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, לאַנג ניט געוואַגט זיך אַנערקענען, ביז איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט דרייסטקײַט פֿון אַ באַלעגאָלעס אַ זון און געמאָלדן אָן צערעמאָניעס מיט די ווערטער פֿון יענער פֿאָלקס־ליד:

— לאָמיר ביידע כאַסענע האָבן!..

כאַוועס האָט זיך געבעטן בא מישען:

— נאָך ניט די צײַט, מיר דאַרפֿן ערשט אָנקומען זיך לערנען...

כאַוועס שעמעוודיקער שמייכל, די אומשולדיקײַט אַף איר פּאָנעם האָבן געווירקט אַף מישען:

— איז לאָמיר זיך כאַטש געבן דאָס וואָרט...

אָסיען, נאָך זייער ניט געשריבענעם טקיעס־קאַף, זײַנען זיי זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע שטעט. כאַוועס איז אָנגעקומען זיך לערנען אין כאַרקאָווער אינסטיטוט פֿון אויסלענדישע שפּראַכן און מישע — אינעם קיִעווער מעדיצינישן.

מישע סימאַס טאַטע, סענדער דער באַלעגאָלע, האָט שטענדיק געליטן פֿונעם מאַנגל אין פּאַסאַזשירן, קוים געצויגן די כאַיונע און אָפּטמאָל פֿאַרדינט בלויז אַף קויפֿן אַ ביסל האָבער פֿאַר די פֿערד, דעריבער פֿלעגט ער מיט זײַן פֿאַמיליע זיצן אַפֿן אויסהאַלט פֿון זײַן טאַטן גערשן דעם קאַצעוו — אַ פֿולער קליינוווּקסיקער ייִד, קימאַט אַ קוואַדראַטער, וועלכער פֿלעגט אַלע גאַנצפֿרי אַרויסגיין פֿאַר זײַן טיר, זיך גוט אויסהוסטן, צולייגן די הענט צום שטערן, העכער איבער די אויגן, און אַרויסקוקן, צי עס גייט שוין צו אים עמעצער פֿון זײַנע קוינים.

אין לויף פֿון די יאָרן האָט די צײַט אַליין מיט אירע נײַע שטייגערישע און קולטור־עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן אָפּגעשאַפֿן אַ סאַך פֿאַרעלטערטע פּראָפֿעסיעס, צווישן זיי דעם קאַצעוו און דעם באַלעגאָלע. ווען מע דאַרף פֿלייש אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, גייט מען אין גאַסטראָנאָם. און אויב מע דאַרף צופֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, קומט צוהילף דער אווטאָוואָקזאַל,

פונוואנעץ עס קורסירן רעיסאָווע אווטאָבוסן איבער די נײַע אווטאָסטראַדעס אין פאַרשיידענע ריכטונגען. א שאָ פאָרן — און דו ביסט אין קאמענעץ־פאָדאָלסק, פאר דרײַ שאָ — אין געגנטלעכן צענטער כמעלניצקי.

אין 1941 האָבן מישע און כאווע פאַרענדיקט זייערע אינסטיטוטן און טאַקע באלד כאַסענע געהאַט. אָבער די מילכאָמע האָט זיי ווידעראַמאָל צעשיידט. מישען, וועלכער האָט נאָך אין אינסטיטוט זיך ספּעציאַליזירט אף דער קאַפּעדרע פון אָפּעראַטיווער כירורגיע, האָט מען מאָביליזירט אפן פראָנט. ער איז איבערגעגאַן פון איין סאַנבאַט אין אַן אַנדערן, געביטן אויך פראָנט־שפּיטאָלן. פון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט אין ראַנג פון א מאַיאָר מיט שלאַכט־אָרדענס און מעדאַלן. נאָך די שווערע אויספּרוּוון האָבן מישע און כאווע זיך ווידער באַגעגנט און באַשלאָסן אף שטענדיק זיך באַזעצן אין גאָרקי — דער פּרעכטיקער שטאָט אף דער וואָלגע.

דאָרטן איז בא זיי געבוירן געוואָרן א זון מיט א טאָכטער —ביידע געראָטענע קינדער. די טאָכטער איז שפּעטער געוואָרן אן אינזשעניער, און דער זון האָט זיך אויסגעקליבן דעם טאַטנס פּראָפעסיע — צוויי כירורגן אין איין מישפּאָכע. סענדער דער באַלעגאָלע וואָלט זיכער ניט געגלייבט, ווען מע זאָגט אים, אז פון זײַנע זין און אייניקלעך וועלן אויסוואַקסן אינזשעניערן און דאָקטוירים... הײַנטיקן זומער האָט דער עלטערער דאָקטער באַקומען זײַן פּערצנטע מעלוכע־אויסצייכענונג — א מעדאַל „וועטעראַן פון מי".

מידע נאָך א טאָג ארומגיין איבערן שטעטל, האָבן מיר זיך דערקליבן צו אונדזערע האָטעל־צימערן. אָבער וואָס הייסט רוען? אָט שמועסן מיר א שאָ און צוויי — און דאָס הייסט, אז מיר האָבן זיך אָפּגערוט. מישע סימאַ געדענקט קימאַט אַלעמען פונעם שטעטל — ניט בלויז זייערע נעמען און פאַמיליעס, נאָר אַפילע די צונעמענישן. ער רעדט וועגן אונדזערע בנייאיר, וועלכע האָבן זיך געקליבן האַיאָר באַזוכן דאָס שטעטל. די גערשקאָוויטשעס ווינען אין קעשענעוו און יאָסל בעקערמאַן לעבט שוין העכער דרײַסיק יאָר אין ביראָבידזשאַן...

ווער פון אונדזערע לאַנדסלײַט געדענקט ניט דעם לערער פון פּיזמאַט, דעם דירעקטאָר פון דער שול שײַע גערשקאָוויטשן און די פרוי זײַנע, די לערערן פון כימיע זינע פאַכטער? עס זײַנען שוין אוועק וויפל יאָרן, און אָט די אײַנגעבוירענע פּעדאַגאָגן האָבן ניט פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיט זייערע דערצויגלינגען, אינטערעסירן זיך מיט יעדן פון זיי, לעבן איבער, ווען עס טרעפט בא עמעצן א דורכפאַל, שטאָלצירן מיט די דערפאָלגן.

„מיר זײַנען גליקלעך, — שרײַבן זיי אין אײנעם א בריוו, — וואָס די מערהײַט אונדזערע שילער זײַנען ארויס אף א ריכטיקן וועג. ס'איז נאָר א שאָד, וואָס עס לויפן אזוי די יאָרן. ס'ווילט זיך ניט גלייבן, אז אונדזערע דערצויגלינגען ווערן שוין אויך ביסלעכווײַז פענסיאָנערן. סטארעט זיך, טײַערע, פארהיטן דאָס געזונט”...

— איך קאָן אײַך אויך איבערגעבן א פרישן גרוס פון יאָסל בעקער־מאנען, — האָט זיך אָנגערופן סימא, — יאָסל סראָליקס, איר מוזט אים אוודאי געדענקען. א דאר באָכערל מיט אן עטוואָס צוגעקלײַענט פּאָנעם, מיט איידעלע, אויסגעצויגענע פינגער פון א פּיאניסט. נאָר געוואָרן איז ער א פארמאצעווט.

מישע סימא האָט ארויסגענומען פון זײַן פּידזשאק־קעשענע א קאָנ־ווערט מיטן פּאָסט־שטעמפּל „ביראָבידזשאן” און באוויזן א בריוו, וואָס ער האָט באקומען פון יאָסל בעקערמאנען קורץ פאר דער יאזדע אין שטעטל.

יאָסל בעקערמאן האָט פארענדיקט דעם כארקאָווער פארמאצעווטישן אינסטיטוט א פּאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע. ווען מע האָט פאנאנדערגע־טיילט די ארויסלאָזניקעס אף ארבעט, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים שיקן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. דער יונגער פארמאקאָלאָג האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין איינער פון די ביראָבידזשאנער אפּטייקן און אָנגע־הויבן פירן א פארפונדעוועט לעבן. כאסענע געהאט, געוואָרן א טאטע פון דרײַ קינדער. זײַן דרײַצימערדיקע דירע מיט אלע באקוועמלעכקײַטן גע־פינט זיך אף דער שאָלעם־אלייכעם־גאס, איינער פון די שענסטע אינעם געגנטלעכן צענטער.

יאָסל בעקערמאן איז איצט דער שעף אָדער, ווי מע רופט אים מער אָפיציעלער, דער אופּראוולִיאיושטשי פון דער שטאָטישער אפּטייק.

...ווען די צײַט דערלויבט, וואָלט מען דאָ, זיצנדיק אין האָטעל, איינער דעם אנדערן איבערדערציילט געשיכטעס וועגן אלע אָפּשטאמיקע פון אונדזער ווייניק באוווסטן שטעטל אף דער אוקראיִנע. דער שמועס האָט זיך טאקע פארצויגן ביז האלבנאכט.

אפן אנדערן טאָג זײַנען מיר פונעם אווטאָוואָקזאל, מיטן ערשטן אינ־דערפריִקן אווטאָבוס, אָפּגעפאָרן קיין קאמענעץ־פּאָדאָלסק.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט פונעם שטעטל קיין מאָסקווע, איז צו מיר ארײַנגעקומען נאָך איין לאנדסמאן מײַנער — דער מילכאָמע־וועטע־ראן און וועטעראן פון מי מאטוויי סאמוילאָוויטש געלערמאן, מיט וועמען מיר זעען זיך די לעצטע יאָרן גאנץ אָפט, מערסטנס ווען ער קומט צו פאָרן פון כארקאָוו אין א קאָמאנדירונג פון זײַן זאוואָד, און אומבאדינגט

איין מאָל אין יאָר, דעם 9 מײַ, אינעם טאָג פון זיג איבערן דײַטשישן פאַשיזם, ווײַל ס'איז ניט געווען קיין פאַל, ער זאָל דורכלאָזן די באַגעגעניש מיט זײַנע פראָנט־כאַווערים פון דער בארימטער סיבירער 96־ער גוואַרדייִשער דיוויזיע. אין דער דאָזיקער דיוויזיע האָט געלערמאַן דורכגעמאַכט די שווערע מילכאָמע־צײַט, אָנהייבנדיק פון ווינטער 1941, הינטער מאָסקווע, אלס אַן אויסשפּירער, נאָכדעם הינטער סטאַלינגראַד, אין די אָנגרײַף־שלאַכטן פאַר באַפרײַען ראָסטאָווער געגנט און אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און פוילן, אינעם דורכרײַס אַף מיזרעך־פּרײַסן, פאַרענדיקנדיק די מילכאָמע אין די שלאַכטן פאַר בערלין און פּראָג, שוין אלס קאַפּיטאַן און קאָמאַנדיר פון א באַטאַרייע.

בערלין, 1945. ווער פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן האָט ניט געטרוימט צו דערלעבן ביז דער לעצטער שלאַכט, קעדײַ ענדגילטיק זיך צעצאָלן מיטן פאַרביסענעם סוינע? בא מאַטוויי געלערמאַנען האָט זיך פאַרהיט א פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער מיר זעען צוויי קאַפּיטאַנען, האַרט צוגעטוליעט און אפילע ענלעכע איינער אפן אַנדערן, ווי צוויי ברידער, מאַטוויי געלערמאַן און וואַסילי מאַקאַרסקי — צוויי גוואַרדיע־קאַפּיטאַנען,ביידע באַטאַריי־קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אין באַשטאַנד פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט זיך באַטייליקט אינעם שטורעם פון בערלין. פאָטאָגראַפירט האָבן זיך די פראָנט־כאַווערים דעם 18 אַפּרעל 1945, ערעוו איינער פון די שלאַכטן הינטער בערלין. דעם 27 אַפּרעל איז וואַסילי מאַקאַרסקי, דער קאָמאַנדיר פון דער 2־ער באַטאַרייע, אומגעקומען, אָפּגעבנדיק די לעצטע קאָמאַנדע פאַר א האַרמאַטן־זאַלפּ איבער דעם סוינעס פּאָזיציעס.

— וואַסילי מאַקאַרסקי,—דערציילט געלערמאַן, קוקנדיק אַף דער פאָטאָגראַפיע,—איז געווען ניט בלויז א העלדישער קאָמאַנדיר און א געניטער אַרטילעריסט, נאָר אויך אַן איבערגעגעבענער כאַווער, וועלכן איך וועל ניט פאַרגעסן ביזן סאָף פון מײַנע טעג...

ביזן סאָף פון מײַנע טעג... וויפל גרויליקע טעג און נעכט אַף די מילכאָמע־וועגן האָבן איבערגעלעבט מאַטוויי און וואַסילי, ביז זיי האָבן מיט זייערע באַטאַריי־האַרמאַטן דערגרייכט בערלין!

פאַר מאַטוויי געלערמאַנען האָט די מילכאָמע זיך פאַרענדיקט דעם 11 מײַ 1945 אין טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט דאָרט מיט שווערע פאַרלוסטן צעקלאַפּט די לעצטע עסעס־טיילן. פון דער מילכאָמע האָט דער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן זיך אומגעקערט מיט פערצן שלאַכט־אָרדענס און שלאַכט־מעדאַלן אַף זײַן ברוסט. ער האָט זיך באַזעצט אין כאַרקאָוו, וווהין עס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע זײַנע קרויווים און לאַנדסלײַט. דאָרט האָט ער איינגיכן כאַסענע געהאַט, טאַקע

פאר אונדזערער א טשעמעראָוויצער, פאר מירע פּאָלישטשוק, אף וועלכער ער האָט, נאָך זײַענדיק אין שטעטל, געוואָרפן אן אויג, און אלע יאָרן, וווהין דער גורל האָט אים ניט פארוואָרפן, געטרוימט וועגן איר, אויך פון די פראָנטן געשיקט פון מאָל צו מאָל דרײַקאנטיקע בריוועלעך. אפן מיליטערישן לאָשן וואָלט עס געהייסן — ער האָט זי געהאלטן אפן פּרייצעל...

און זי, מירע, האָט ערעוו דער מילכאָמע באוויזן צו פארענדיקן דעם כארקאָווער פארמאצעווטישן אינסטיטוט, איבערגעלעבט די שווערע יאָרן פון דער עוואקואציע, — אזוי, אז לעבנס־דערפארונג האָט זי שוין געהאט גענוג. מאטוויי האָט גיך זיך אײַנגעשלאָסן אין פרידלעכן לעבן, זיך אײַנגעאָרדנט אף ארבעט אלס אינזשעניער אף א מאשינבוי־זאוואָד. בעטעווע א רויִקער, באדאכטער און ארבעטסזאמער מענטש, האָט ער שפּעטער קיין איין מאָל זײַן ארבעטס־אָרט ניט געביטן — ביזן הײַנטיקן טאָג! בלויז מילכאָמע־צײַט איז אים אויסגעקומען א סאך מאָל איבערצוגיין פון איין פראָנט אינעם צווייטן. אָבער אין די יאָרן פון פרידלעכער מי איז זײַן ארבעטס־פראָנט א באשטענדיקער.

מאטווייס שטארקער כאראקטער, זײַן טרײַע באציִונג צו דער ארבעט, צו די מענטשן, וואָס רינגלען אים ארום, די שטענדיקע אָנגעהעריקײַט צום געזעלשאפטלעכן לעבן — אָט די מענטשלעכע אייגנשאפטן האָבן זיך אין אים אויספאָרמירט פון סאמע אָנהייב פון זײַן באוווסטזיניקן לעבן — אין זײַן געבוירן־שטעטל, פונוואנען ער איז אין 1929 יאָר, אין אָנהייב פונעם ערשטן פינפיאָר, מיט א פּוטיאָווקע פונעם קאָמסאָמאָל, אוועקגעפאָרן אף אוראל אין דער שטאָט פּערם. דערפילט, אז עס פעלן אויס קענטענישן, איז ער אָנגעקומען זיך לערנען אין פּאָלעווסקער כימישן טעכניקום, וועלכער האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געגרייט קאדרען פאר די אוראלער כימישע אונטערנעמונגען. דער גרעסטער טייל ארויסלאָזניקעס פון דעם לערן־אנשטאלט האָט מען געשיקט ארבעטן אין קיראָוואָגראדער כימישן זאוואָד — איינעם פון די וויכטיקע באצירקן פון דער אינדוסטריע פון יענע יאָרן.

אין דעם זעלבן טעכניקום האָט זיך געלערנט און איז דערנאָך אויך געשיקט געוואָרן אף ארבעט אין קיראָוואָגראדער כימישן זאוואָד יעווגעני פּאָראָשין — דער געוואגטער קאָמאנדיר פון די אכצן העלדן פון דער נאָמענלאָזער הויכקײַט, אין אָנדענק פון וועלכע מע זינגט איצט די באוווסטע ליד:

Мне часто снятся те ребята,
Друзья моих военных дней,

Землянка наша в три наката,
Сосна, сгоревшая над ней...
Как будто вновь я вместе с ними,
Стою на огненной черте
У незнакомого поселка
На безымянной высоте.

געלערמאַן האָט שטיל איבערגעכאַזערט די סטראָפע פון דער ליד און דערנאָך צוגעגעבן:

— יעווגעני איוואַנאָוויטש פּאַראָשין איז געווען די פאַרקערפּערונג פון א גוטן און העלדישן מענטשן. ער איז אויך געווען איינער פון מײַנע בעסטע גוטעפרײַנט. צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געאַרבעט, געלעבט אונטער איין דאך... און ווען דאָס היימלאַנד האָט גערופן, זײַנען מיר ביידע אינײינעם אוועק אף דער מילכאָמע.

מענטשן, וועלכע לאָזן נאָך זיך איבער א שפּור פון גוטע אופטוען, פאַרגעדענקען זיך אף לאַנג, וואָס עס זאָל מיט זיי ניט געשען און ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. אין קיראָוואָגראַד זײַנען נאָך פאַראַן אויך איצט פיל פרײַנט און כאַווײרים פון יעווגעני פּאַראָשינען און מאַטוויי געלערמאַנען — די שטילע, באַשיידענע מענטשן, וועלכע זײַנען געווען צווישן די ערשטע ענטוזיאַסטן, אָנהייבער פון דער כימישער אינדוסטריע.

אָט וואָס עס האָט וועגן זיי געשריבן די צײַטונג „אוראַלסקי ראַבאָטשי" דעם 20 נאָיאַבער 1966:

„...יעווגעני פּאַראָשינס באַוווּסטזיניק לעבן איז קימאַט אינגאַנצן דורכגעגאַן אפן אוראַל, אין קיראָוואָגראַד. פונדאַנען איז ער, א קאַנדידאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אוועק אפן פראָנט, ווו עס האָט זיך בא אים ענדגילטיק אויספאָרמירט דער כאַראַקטער פון א פּאַטריאָט".

„זייער דירע, — שרײַבט ווײַטער די צײַטונג, — איז באַשטאַנען פון דרײַ צימערן. איינער פון זיי האָט געהערט יעווגעני פּאַראָשינס גוטנפרײַנט, דעם שעף פון דער גרופּע אווטאָמאַטלער מאַטוויי געלערמאַנען, וועמענס גוירל איז אויך מערקווירדיק. מאַטוויי געלערמאַן, א שטילער און באַשיידענער מענטש, האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אין ראַנג פון א קאַפּיטאַן, באַלוינט מיט פערצן שלאַכט־אויסצייכענונגען. נאָך דער מילכאָמע האָט געלערמאַן פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, איצט אַרבעט ער אין כאַרקאָוו. אזוי האָבן אונטער איין דאַך געלעבט צוויי געוויינלעכע מענטשן, און קיינער, ווער עס האָט זיי געקענט, האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט פון זיי ווערן".

איך האָב אים דערזען אויף אַנדערן טאָג נאָך דער פײַערונג, געווידמעט דעם 34־טן יאָרטאָג פֿונעם זיג איבערן פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, נאָך דעם, ווי ער, געלערמאַן, האָט אין מאָסקווער פּאַרק פֿאַר קולטור און אָפּרו אויפֿן נאָמען פֿון א. מ. גאָרקי זיך באַגעגנט מיט אַ היפּשער גרופּע וועטעראַנען פֿון דער 96־ער גוואַרדייִשער דיוויזיע.

אָנגעטאָן אין אַ נײַעם אויסגעפּרעסטן אָנצוג, מיט אַלע זײַנע אָרדענס און מעדאַלן אויף דער ברוסט, האָט מאַטוויי סאַמוילאָוויטש אויסגעזען מיליטעריש אונטערגעצויגן, יאָמטעוודיק און אַפֿילו ייִנגער ווי געוויינלעך.

אין דעם זעלבן טאָג האָבן די געוועזענע פֿראָנטאָוויקעס, לויט דער אײַנגעשטעלטער טראַדיציע, באַזוכט דעם צענטראַלן מוזיי פֿון די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן פֿון ססר, וווּ עס געפֿינט זיך די שלאַכט־פֿאָן פֿון אָט דער רומפֿולער דיוויזיע.

דאָס מאָל האָט מאַטוויי סאַמוילאָוויטש מיטגענומען מיט זיך אין מוזיי זײַן פֿינפֿיאָריק אייניקל זשעניטשקע — אַ שוואַרצכיינעוודיק ייִנגעלע מיט קלוגע, זשוואַווע אייגעלעך, וועלכער האַלט אין איין פֿאַרגעבן דעם זיידן פֿראַגעס. מאַטווייען סטײַעט געדולד אויף אַלץ.

— זאָל דאָס אייניקל וויסן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיכערקײַט, — ווער דער זיידע איז. ס'איז געווען אַמאָל אַ גרויסע מילכאָמע, און דער זיידע האָט מיט זײַן אָנטייל אין איר קיינעם, כאָלילע, ניט פֿאַרשעמט.

מאַטוויי סאַמוילאָוויטש האָט אַ גלעט געטאָן דאָס אייניקל פֿאַרן קעפּל:

— אַ קאָפּיע פֿון מײַן שמוליקן — איר קענט אים דאָך, דעם זון מײַנעם, וואָס לעבט איצט הינטער מאָסקווע. ער האָט, ווי דער טאַטע זײַנער, ניט ווײַט געזוכט, זיך מעשאַדעך געווען מיט אַ מאָסקווער מיידל אויך פֿון אונדזערע טשעמעראָוויצער — מיט ריווע בראָנשטיינס טאָכטער. איר געדענקט זי מיסטאַמע — ריווע גערשן דעם סטאָליערס, אָדער „די לערערן ריווע", ווי עס פֿלעגן זי רופֿן די שילער פֿון די אָנפֿאַנג־קלאַסן. און די טאָכטער מײַנע, ריטאָטשקע, האָט אויך שוין פֿאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, זי אַרבעט מיט מיר צוזאַמען אויפֿן זאַוואָד. ביז דער כאַסענע האָט שמוליק אויך בײַ אונדז געאַרבעט, וואָס וועט איר זאָגן? קימאַט אַ דינאַסטיע...

פֿון לאַנגווײַליקײַט האָט דאָס אייניקל זיך אָנגעהויבן דרייען אַהין און אַהער, און כ'האָב אים געפּרוּווט אַרויספֿירן פֿון אָט דעם צושטאַנד מיט אַ פּאָר פֿראַגעס, וואָס דערוואַקסענע פֿרעגן, געוויינלעך, בײַ אַ קינד. אויף

דער פראַגע, וואָס ער האָט הײַנט געזען אין מוזיי, האָט דאָס ייִנגעלע מיטאמאָל אויסגעשאָטן:

— הארמאטן, אווטאָמאטן און דעם זיידנס פאָן!

מאטוויי סאמוילאָוויטש האָט אָנגעקוועלט פון דעם אייניקלס ענטפער.

— אָט זעט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — א קינד דארף מען דערציִען. ניט אומזיסט האָב איך אים הײַנט מיטגענומען אין מוזיי.

געלערמאן האָט א קוק געטאָן אפן זייגער:

— די צײַט לויפט. פארגעסט ניט, אז איך דארף נאָך הײַנט מיטן אָוונ־טיקן צוג אָפּפאָרן קיין כארקאָוו. עס וואַרט אף מיר די ארבעט. — און נאָך א קורצער פּאוזע זאכלעך צוגעגעבן: — זעט אויס, אז דער זאוואָדישער אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל וויל זיך נאָך דערווײַל אָן מיר ניט באגיין...

— יאָ, — האָט ער ווי אין אײַלעניש דערגאנצט זײַנע רייד, — און דאָס, וואָס כ׳האָב ניט געהאט די מעגלעכקײַט צו קומען אף דער באגעגע־ניש מיט דער גאנצער קאָמפּאניע אין שטעטל, איז מיר אוודעי א שאָד. איך האָף אָבער, אז מיר וועלן מיט מײַן מירען איבעראיאָר זומער אהין צופאָרן...

איך האָב דאָ דערציילט וועגן עטלעכע מענטשן, וואָס שטאמען פון איין שטעטל, און אָט דאָס שטעטעלע איז עפשער ניט לײַכט צו געפינען אף דער געאָגראפישער מאפּע. מײַנע פרײַנט, וועמען דאָס שטעטל האָט גע־נערט און דערצויגן, זײַנען איצט טוישווים אין פארשיידענע שטעט און ייִשוווים, אין די ווײַטסטע ווינקלען פון אונדזער לאנד.

מענטשן, ווי פייגל, פארגעסן ניט זייערע נעסטן. די צוגעבונדנקײַט צו דער אלטער היים פילט יעדערער אף זײַן אויפן. אזוי אָדער אנדערש, נאָר אלע מיר, קינדער פונעם הארעפּאשנעם שטעטעלע, לעבן איבער א היי־ליקן געפיל, ווען מיר קוקן ארײַן אין דעם אלטן ברונעם און זעען דאָרט די אָפּשפּיגלונג פון זיך אליין.

■

קאָוונער מעלאָדיעס

אין קאָוונע איז האַיאַר געשטאַנען אַ ניט הייסער, אָבער מילדער זומער — אַ זומער פון לויטערע זוניקע טעג און וואַרעמע רעגנס, דעריבער איז די שטאָט אַזוי איַינגעטונקען אין דער געדיכטער גרינקייַט פון ביימער און אין דער פילפאַרביקייַט פון בלומען. אַף דער לייַסוועס־אַלייע (אַלייע פון פרייַהייַט), איינער פון די צענטראַלע גאַסן פון שטאָט, שטייען, ווי אין אַן ערד־וואַך, די גרויסאַרטיקע ליפּעס און קודלאַטע קאַשטאַנען, פייַכטע און אויסגעצוואָגענע פונעם פרימאָרגנדיקן רעגן.

וועגן דעם, אַז מיַין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער שטאָט וועט זיַין אָט די גאַס, האָב איך געוווּסט, זיצנדיק נאָך אין וואַגאָן פונעם צוג מאָסקווע — קאַלינינגראַד, וועלכן די אייַזנבאַנלער האָבן באַקרויִנט מיטן שיינעם נאָמען „יאַנטאַר“. איינער פון מיַינע שכיינים לויט דער קופּע — אַ יונגער ליטווינער פון קאָוונע — האָט מיר אַ פּאָר מאָל איבערגעכאַזערט קימאַט איינע און די זעלבע פראַזע:

— אויב איר ווילט דערשפּירן דעם אָטעם און דעם ריטם פון אונדזער שטאָט, גייט זיך דורך, איידער וואָס־ווען, צופוס איבער אונדזער לייַסוועס־אַלייע, וועלכע וועט אייַך, אַגעוו, דערפירן סיַי צום האָטעל „באַלטיאַ“ און סיַי צום קאָנצערט־זאַל, וועלכער שטייט טאַקע דערנעבן אַפן ראָג פון דער מיצקעוויטש־גאַס.

קאָוונע, איינע פון די אוראַלטע שטעט אין דער ליטע, געפינט זיך באַם סאַמע צונויפגוס פון די טיַיכן ניעמאַן און נעריס. דער נאָמען פון דער שטאָט ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין די היסטאָרישע כראָניקעס פון XIII יאָרהונדערט. וואָס שיַיעך דער אָרטיקער פעסטונג, האָט זי שוין דעמלט געדינט אַלס וויכטיקסטער שטיץ־פּונקט פון דער ליטווישער מעלוכע קעגן די באַוואָפנטע אָנפאַלן פון אירע סאָנים. נאָך דער באַוווּסטער גרינוואַלדער שלאַכט אין 1410 איז די פעסטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַדמיניסטראַטיוון צענטער. געפינענדיק זיך האַרט באַ די האַנדלס־וועגן צווישן מיזרעך און מיַירעוו, האָט קאָוונע צו ביסלעך פאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט צווישן די שטעט פון אייראָפּע.

ניט איין מאָל האָט קאָוונע געליטן פון סרייפעס, פאַרפלייצונגען, מילכאָמעס. באַזונדערס טיפע וווּנדן האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט די נאַפּאָ־

לעאָנישע אינוואזיע. ערשט פון 1843, נאָך דעם, ווי די שטאָט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א גובערניאלן צענטער און שפּעטער אויך אדאנק דער אײַזנבאַן־ליניע, וועלכע איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרן אין 1861, זײַנען אופגעקומען די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן, פון איין זײַט, געווירקט אף דער אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם און אפן וווּקס פון דער צאָל ארבעטער, און פון דער אנדערער זײַט — אף דער אקטיווקײַט פונעם ארבעטער־קלאס אין זײַן קאמף קעגן עקספּלואטאציע.

אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאציע זײַנען אין קאָוונע, מערסטנטייל אין די קעלערס פונעם IX פאָרט, וועלכן די פאשיסטישע קאניבאלן האָבן פארוואנדלט אין א טויט־פאבריק אונטערן נומער Б 1005, אומגעבראכט געוואָרן אריבער 80 טויזנט מענטשן פון פארשיידענע לענדער און נאציאָנאליטעטן.

דעם 1 אווגוסט 1944 איז געקומען די געגארטע שאָ, ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט ווידער באפרײַט די שטאָט און זי אומגעקערט צום פרידלעכן לעבן.

קאָוונע האָט אָנגעהויבן צו פארהיילן אירע ווונדן. פאר די יאָרן סאָוועטנמאכט איז זי געוואָרן אין דרײַ מאָל גרעסער, ווי געוועזן, און פארנעמט איצט א שטעטעך פון אריבער 120 קוואדראטע קילאָמעטער. אין צוויי מאָל איז אויך אויסגעוואקסן איר באפעלקערונג. דער הײַנטיקער קאונאס איז א גרויסער, קולטורעלער און אינדורסטריעלער צענטער פון דער סאָוועטישער ליטע. אויב די בורזשואזע קאָוונע איז געווען דעריקער א שטאָט פון לײַכטער און שפּײַז־אינדוסטריע, אנטוויקלען זיך אין איר איצט אזעלכע גרונט־צווײַגן פון דער שווערער אינדוסטריע, ווי ענערגעטיק, מאשינבויונג, ראדיאָ־עלעקטראָניק און אנד.

אפן קאָוונער ראדיאָ־זאוואָד איז געשאפן געוואָרן די ערשטע ליטווישע ראדיאָלע „דאינא” און די ערשטע אין סאָוועטנפארבאנד מאגניטאָלע „בערינגא”. אָבער מער פון אלץ שטאָלצירט קאָוונע מיטן זאוואָד פון קינסטלעכע פעדעם אפן נאָמען פונעם 50־טן אָקטיאבער — דער גרעסטער אונטערנעמונג פון אָט דעם מין אין אייראָפּע.

מיר שפּאצירן איבער קאָוונע אין די אינדערפריִקע שאָען, ווען דער מאָדערנער שטאָטישער טראנספּאָרט האָט שוין באוויזן צו פאנאנדערפירן די ארבעטנדיקע פון שטאָט צו די העכער 110 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. קאָוונע פארמאָגט 5 הויכשולן און 10 וויסנשאפט־פאָרשערישע אינסטיטוטן, אויב, לעמאָשל, אין 1939 — 1940 זײַנען אין גאנץ ליטע געווען

3990 סטודענטן, ציילט איצט אָן בלויז איין קאָוונער פּאָליטעכנישער אינ־סטיטוט באַ 15 טויזנט שטודירנדיקע יוגנטלעכע.

יעדער מענטש, ווי געוויינלעך, ווען ער קומט צו פֿאָרן אין אַ נײַער פֿאַר אים שטאָט, לייגט באַזונדערס אַכט אַף דער אַרכיטעקטור פֿון די גאַסן, ער פֿאַרפֿעלט אויך ניט פֿאַרייַנצוגעס צו באַטראַכטן די שילדן פֿון די אַנשטאַלטן, די וויטרינעס פֿון מאַגאַזינען און דעריקער די אַפֿישן, פֿון וועלכע ער באַקומט די ערשטע אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם היגן קולטור־לעבן, דערוויסנדיק זיך, וואָס עס קומט פֿאָר אין די קלובן, אין די טעאַ־טערן און קאָנצערט־זאַלן.

איינע פֿון די רײַכסטע אין דער הינזיכט איז די לײַסוועס־אַלייע, וווּ עס זײַנען קאָנצענטרירט קימאַט אַלע טעאַטער־געבײַדעס פֿון קאָוונע, די מאָדערנסטע גאַסטראָנאָמען און רעסטאָראַנען, די מיט געשמאַק אויסגע־פֿורעמטע סוּווענירן־מאַגאַזינען, אין וועלכע די אויסטערלישע באַצירונגען פֿון בורשטין, אײַנגעפֿאַסט אין קאָלירטע מעטאַלן, דערמאָנען אײַך אין מײַסעלעך און לעגענדעס וועגן דער פּערלדיקער סמאָלע, מיט וועלכער ס׳זײַנען אַזוי באַרימט די סאָוועטישע בײַבאַלטישע רעפּובליקן.

איין בורשטין־פֿליגל — ניאַמונאַס,
דער צווייטער בורשטין־פֿליגל — ניאַריס,
און ווען זיי גיסן זיך צונויף מיט דער זון־שײַן,
צעשטראַלט זיך קאַונאַס — די ווײַסע ברוסט פֿונעם בורשטין־פֿויגל.

עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס

פֿון די אַפֿישן, וועלכע זײַנען אויסגעקלעפּט אַף די קײַלעכדיקע סטענדן דערוויסן מיר זיך וועגן דעם זומער־רעפּערטואַר פֿון די שטאָטישע טעאַ־טערן און קלובן. אין ליטווישן דראַמאַטישן טעאַטער ווערט באַוויזן אַ נײַע פֿאָרשטעלונג לויט יאָנאַס אַוויזשוסעס ראָמאַן „דאָס פֿאַרלוירענע ווינקל־אָרט", פֿאַר וועלכן דער אַוטאָר איז באַלוינט געוואָרן מיט דער לע־נין־פּרעמיע. (אַגעוו, ווערט אין דעם פֿילפֿלאַניקן ווערק וועגן די גוירל־לעס פֿון מענטשן אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע באַרירט די יידישע טעמאַטיק).

און אָט זײַנען צוויי פֿאַרביקע אַפֿישן, געדרוקטע אַף יידיש און אַף ליטוויש, זיי טיילן מיט וועגן דעם שאָלעם־אַליכעם־אָוונט, וועלכער וועט פֿאָרקומען זונטיק אין קאָנצערט־זאַל פֿונעם שטאָטישן אָפּיצערן־הויז.

שאָלעם־אַלייכעם, דער גרויסער ייִדישער פֿאָלקס־שרײַבער, וועלכער איז אויסגעפֿאָרן א וועלט אין מעשעך פֿון זײַן אויסערסט פּרוכטבאר שע־פעריש לעבן, האָט אויך באוויזן צו זײַן אין ווילנע און אין קאָוונע, דאָס איז געווען בייס א רײַזע, וואָס ער האָט דורכגעמאכט איבער דער בײַבאל־טיק אין 1905, אין דער צײַט פֿון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָ־ליוציע. עפּשער דאָ אָף דער אַלייע, אָדער אין דער דערנעבנדיקער קעס־טוטשיא־גאס, צי עפּשער אָף אָט דער גאס, וועלכע טראָגט איצט דעם נאָמען פֿונעם גרויסן ליטווישן דיכטער קריסטינאס דאָניאַלײַטיס, האָט שאָלעם־אַלייכעם שפּאצירט מיט פֿאָרשטייער פֿון דער דעמלטיקער פּראָ־גרעסיווער ייִדישער און ליטווישער אינטעליגענץ, געשמועסט מיט זיי נאָך דעם פֿאָרלייענען, פֿאַר די קאָוונער ייִדישע ארבעטער זײַנע סאטיריש־פּאָליטישע פֿעליעטאָנען און פּאמפּלעטן, אָנגעצילטע קעגן דעם אומזין פֿון דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע, קעגן דעם ווילקיר פֿון די צארישע הערשער.

פּאראלעל מיט דער לײַסוועס־אַלייע ציט זיך די דאָניאַלײַטיס־גאס, — צוויי שטאָט־מאגיסטראלן, וועלכע פֿארייניקן זיך מיטן לענין־פּראָספּעקט — איינער פֿון די הויפּט־ארטעריעס פֿון דער שטאָט.

און ווי קאָן מען עס זײַן אין קאָוונע און ניט קומען אין סאמע צענ־טער פֿון דער דאָניאַלײַטיס־גאס, ווו פֿון איין זײַט געפֿינט זיך דער מוזיי־קאָמפּלעקס מיט דער בארימטער עקספּאָזיציע פֿון די שאפֿונגען פֿונעם אייגנארטיקן קינסטלער מיקאָלאָ׳ס טשורליאָניס און פֿון דער צווייטער זײַט — דער פּאָליטעכנישער אינסטיטוט אָף סניעטשקוסעס נאָמען. זיי בילדן איינעם פֿון די שענסטע אנסאמבלען פֿון דער שטאָט, דעם פּלאַץ אָפּן נאָמען פֿונעם דיכטער־רעוואָליוציאָנער יוליוס יאנאָניס, וועמענס 180־טן געבורטסטאָג די ליטערארישע געזעלשאפֿטלעכקײַט פֿון ליטע האָט האיאָר פֿײַערלעך אָפּגעמערקט אין דער פֿאָרשטאָט פֿון קאָוונע פּאלעמאָ־נאס, באם מעמאָריאל פֿונעם מוזיי פֿון סאָלאָמייע נעריס, און אין שאולײַ — דער שטאָט, ווו דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן.

אין קאָוונער שטאָטקאָם פֿון דער פּארטיי האָט מען שוין געוווּסט, אז צו דעם פֿארשטייענדיקן שאָלעם־אַלייכעם־אָוונט, אָף וועלכן עס וועט באָ־וויזן ווערן די פּרעמיערע פֿון א קאָנצערט־פּראָגראם פֿון דעם ייִדישן זעלבסטעטיקײַט־קאָלעקטיוו, וועט קומען א פֿאָרשטייער פֿונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”.

אַלגיס בראזאיטיס, איינער פֿון די סעקרעטארן פֿון שטאָטקאָם, באקענט מיך מיטן זשורנאליסט און פּארטיי־טוער אנטאנאס מארטשוליאָניסן, וועל־

כער איז מיט א טאָג פריער בײַגעװען אױף דער גענעראַל־רעפּעטיציע פון דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער קאָנצערט־פּראָגראַם.

— גוט, װאָס איר זײַנט שױן געקומען, — האָט ער זיך געװענדט צו מיר, — איר װעט בא אונדז זען א טאַלאַנטפולע און ענערגישע ייִדישע יוגנט, װעלכע װעט מיט איר אַרױסטרעטונג ניט פאַרשעמען שאָלעם־אלײכעמס אָנדענק. װאָס שײַעך דער אָרדענונג פון דורכפירן דעם דאָזיקן אָװנט, װעט אײַך מיט דעם גערן באַקאַנען קאַזיס װאַשײקיס, דער דירעקטאָר פונעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפאַרײנען, און װעלכן עס האַלטן זיך איצט אױך די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיװן. ער װאַרט אױף אײַך אין קאָנצערט־זאַל, װו דער אָװנט װעט פאָרקומען.

קאַזיס קאַזאָװיטש, א באַשײדענער, באַדאַכטער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, א הױכער און א שטאַלטנער, איז ניט נאָר אין קאָװנע, נאָר אין גאַנץ ליטע פּאָפּולער אלס א געזעלשאַפטלעכער טוער מיט א רײַכער דערפאַרונג אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און באַזונדערס מיט זײַן ליבע און אױפמערקזאַמקײַט צו דער זעלבסטעטיקער פאָלקסקונסט.

אן אינטערעסאַנטע דעטאַל: מיט װאַשײקיסן האָבן מיר זיך באַקאַנט גראַדע אין דעם טאָג, װען די ליטװישע פּרעסע האָט מיטגעטײלט, אז ער איז פאַר זײַן פּיליאַריקער פּראָדוקטיבאַרער מי באַערט געװאָרן מיט א הױכער מעלוכע־באַלױנונג — מיטן אָרדען פון דער רױטער אַרבעטספאָן.

אונדזער שמועס בא אלגיס בראַזאַיטיסן אין קאַבינעט האָט געדױערט ניט לאַנג, דאָך איז מײַן אינפאָרמירטקײַט אין דעם פּראָדוצירן און קולטור־לעבן פון דער שטאָט רײַכער געװאָרן מיט פרישע ידיעס, מיט נײַע פאַקטן.

— אױב איר װעט אין זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד" זיך טײלן מיט אײַערע אײַנדרוקן פון דעם אָװנט און פון אײַער רײַזע ביכלאַל, דערצײלט אױך װעגן די מענטשן פון אונדזער שטאָט.

אלגיס אַנטאַנאַװיטש רופט אָן כאַשעװע מענטשן, װעמענס נעמען עס װערן מיט קאָװעד דערמאָנט אױף די ערן־טאָװלען, אפילע אין דער ענציקלאָפּעדיע פון דער ליטװישער רעפּובליק. מיט א באַזונדערן אָפּשײַ האָט דער פּאַרטײ־סעקרעטאַר גערעדט װעגן לאַפּעראַסן — הירש לאַפּער. דאָס איז דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער פאַראײניקונג פון אלע טריקאָטאַזשאונטערנעמונגען אין קאָװנע אפן נאָמען פון אדעליע שאַוטשונײַטע — אײנע פון די גרעסטע פירמעס פון דער לײַכטער אינדוסטריע אין דער ליטװישער רעפּובליק.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין האָטעל, האָב איך גלײַך אָנגעקלונגען לאפּערן. ס'איז געווען פרײַטיק. אונדזער באַגעגעניש האָבן מיר אָפּגעשטעלט אף זונטיק, פאַרן אָנהייב פונעם שאָלעם־אַלייכעם־אָוונט, אף וועלכן הירש לאפּער האָט זיך געקליבן צו זײַן.

— איך פאַרשטיי, אז איר וועט מיך באַלד אָנהייבן אויספרעגן וועגן מײַן לעבן, — האָט זיך אָנגערופן לאַפּעראַס, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין האָטעל־נומער.

אין יענע גרויליקע מילכאָמע־יאָרן, ווען ער האָט געביטן זײַן נאָמען לאַפּער אף יאַנאָס מאַרקאָוסקאַס, איז שווער געווען צו גלייבן, אז דאָס יאַנאָווער ייִנגל וועט בלײַבן לעבן און וועט אויסוואַקסן אַזעלכער, ווי מיר זעען אים איצט — אַ קרעפּטיקער, אַטלעטיש־געבויטער, מיט אַן עטוואָס צוגעברוינט פּאָנעם, וואָס גיט אים צו אַ כיין, אַ סאָלידקײַט. בלויז די זילבער־ווײַסע שפּרענקלעך, וועלכע האָבן זיך פרי באַוויזן אין זײַנע געדיכטע האָר, זאָגן אײדעס וועגן דעם שווערן וועג, וואָס דער איצט שוין קימאַט פּופציקיאָריקער מענטש האָט דורכגעמאַכט אין זײַן לעבן.

אין 1941, ווען די היטלערישע פאַרכאַפּערס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן געבורט־שטעטל יאַנאָווע, איז הירשל אַלט געווען אינגאַנצן 12 יאָר. דעם טאַטן זײַנעם האָבן די אָקופּאַנטן גלײַך דערשאָסן. באַנאַכט איז ער צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט זײַן עלטערער שוועסטער אַנטלאָפן אין וואַלד. טאַקע ניט ווײַט פון יאַנאָווע. דאָרט האָבן זיי אין דער געדיכטעניש פוןביימער און קוסטעס אויסגעבויט פאַר זיך אַ נעסט פון צווײַגן און בלעטער און געוואָרט, עפּשער וועלן אין די ערטער זיך באַווײַזן פּאַרטיזאַנער און זיי אַרײַננעמען צו זיך. עס זײַנען געגאַנגען טעג און וואָכן, גוטע מענטשן, באַקאַנטע ליטווינער פּלעגן פון מאָל צו מאָל אונטערוואַרפן אַ לאַבן ברויט אָדער אַ ביסל קאַרטאָפל. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן זיי אײַנדרײַען, אין הונגער און שרעק, אין רעגנס און אין פרעסט, אָפּגעמוטשעט זיך אָנדערהאַלבן יאָר.

איינמאָל האָבן די מאַמע מיט דער שוועסטער אים געראָטן זיך אַרײַנכאַפּן אין אַן אַנדער דאָרף, קעדיי זיך אָנדינגען בא עמעצן אף אַרבעט, ער זאָל זאַט זײַן און עפּשער טאַקע אויך פאַר זיי עפּעס געפינען.

אַ הונגעריקער און אָפּגעריסענער, האָט דאָס ייִנגל זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, זיך דערקליבן צום דאָרף באַריישאַ, אַ קילאָמעטער אכצן פון יאַנאָווע, וווּ קיינער האָט אים ניט געקענט. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך בא דער מישפּאָכע מינגײַלאַ — מאַן און ווײַב, וואָס האָבן געלעבט באַם ראַנד

פון וואלד. זיי גייטיקן זיך אין א פאסטעכל. ווען זיי האָבן אים געפרעגט, וויאזוי ער הייסט, האָט ער געענטפערט — יאַנאס מארקאוסקאס.

אָבער אינגיכן איז געשען דאָס שרעקלעכע. איינמאָל, ווען ער איז אוועק אין וואלד געווירע ווערן, וואָס עס טוען די מאמע מיט דער שוועסטער, האָט ער דאָרט געטראָפן א פוסט אָרט. ער איז געבליבן שטיין ווי פארגליווערט, מיט א פארקלעמט קינדערש הארץ. וועלכע כּיעס האָבן פארטיליקט די אומשולדיקע מענטשן?

מיט שרעק און ווייטעק האָט הירשל זיך דערקליבן צו זײַנע באלעבאַטים אין דאָרף, ניט האָבנדיק פאר וועמען אויסצוגיסן זײַן ביטער הארץ. זײַטיקע מענטשן האָבן דערציילט, אז שאוליסטן־היטלעראָווצעס האָבן אָנגעשמעקט א שפור, וואָס האָט זיי געפירט צו דער באהעלטעניש פון די צוויי אומגליקלעכע פרויען...

אין 1944, ווי נאָר יאַנאָווא איז באפרײַט געוואָרן, קומט הירשל לאַפּער צוריק אין זײַן היים־שטעטל. פון זײַניקע טרעפט ער דאָרט קיינעם ניט. אינגיכן פאָרט ער אריבער קיין קאָוונע זיך לערנען אין דער העכערער טעכנישער שול, וועלכע ער פארענדיקט אין 1949, און קומט אָן ארבעטן אין דער טריקאָטאזש־פאבריק „ערשטער מײַ". דאָ טרעט ער ארײַן אין 1962 אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. שפּעטער, אין 1964, ווערט ער אויסגעוויילט אלס סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע פון דער אונטערנעמונג. ניט וואָרפנדיק אָף קיין איין טאָג די ארבעט, זעצט ער פאָר זײַן לער אין א טעכנישער הויכשול, אין וועלכער ער פארטיידיקט דעם דיפלאָם פון אן אינזשעניער־מעכאניקער.

דער אינזשעניער לאַפּער ווערט באשטעטיקט אלס דירעקטאָר פון דער טריקאָטאזש־פאבריק „סילווא", צו וועלכער עס פארייניקן זיך שפּעטער אלע טריקאָטאזש־אונטערנעמונגען פון קאָוונע. לאַפּער איז דער גענעראַל־דירעקטאָר פון די רעאָרגאניזירטע אונטערנעמונגען „שאוטשונײַטע".

וועגן די דערגרייכונגען פון דער פירמע, וועגן די מענטשן, וואָס מ׳זען זיך צוזאמען מיט אים, האָט הירש לאַפּער מיט שטאָלץ דערציילט אין זײַן ארויסטרעטונג אפן XVII צוזאמענפאָר פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פארטיי. לאַפּערס וואָרט וועגן די אופטוען פון די קאָוונער טריקאָטאזשניקעס האָט פארדינט דעם קאָוועד דערמאָנט צו ווערן אינעם שלוס־וואָרט פונעם ערשטן סעקרעטאר פון דער ליטווישער קאָמפּארטיי פּיאַטראַס גרישקיאַוויטשוס. הירש לאַפּער איז א מיטגליד פון שטאָטקאָם פון דער פארטיי, דעפּוטאט פונעם קאָוונער שטאָט־סאָוועט.

בא אזא מענטשן, ווי לאפער, איז שטענדיק א מאנגל אין פרײַער צײַט. אפילו איצט, אין אָפּרו־טאָג, האָט ער ערגעץ געײַלט.

ארײַנזעצנדיק זיך אין זײַן אווטאָמאָביל, האָט ער געזאָגט:

— שוין לאנג ניט געווען אין מײַן היימשטאָט, אין יאָנאָווא. פון מײַנע אייגענע איז דאָרט קיינער ניט פארבליבן, איך האָב אָבער דאָרט פיל גוטע פרײַנט, וועלכע האָבן געשפילט א גרויסע ראָל אין מײַן לעבן. אנטשולדיקט, — האָט ער צוגעגעבן אף זײַן ריינעם ליטווישן יידיש, — דעם שמועס וועלן מיר פאָרזעצן אין קאָנצערט־זאל אפן שאָלעם־אלייכעם־אָוונט.

די גאס ארום דעם קאָנצערט־זאל איז רוישיק און יאָמטעוודיק. מענטשן ציִען זיך אָן אופהער צו די ברייטע טרעפּ פונעם קאָוונער אָפּיצערן־הויז. מע באווײַזט באם ארײַנגאנג אן אײַנלאדונגס־בילעט מיט שאָלעם־אלייכעמס פאָרטרעט. די געראמע פאָיע איז שוין פול מיט אוילעם. באקאנטע גריסן זיך איינער מיטן אנדערן.

מארק יאַוויטש, וועמען מיר האָבן דאָ געטראָפן איז, אזוי צו זאָגן, שוין אונדזערער אן אלטער באקאנטער, נאָך דעם, ווי ער איז אנומלט, בײַם זײַנער א קאָמאנדירונג אין מאָסקווע, ארײַנגעקומען אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד”. ער האָט דעמלט דערציילט, וויאזוי ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן לייענען דעם זשורנאל, זײַענדיק ניט איבעריקס באהאוונט אין יידיש. צוליב אָנשוילעכקײַט האָט ער ארויסגענומען פון זײַן פּאָרטפעל צוויי דיקע העפטן מיט ווערטער און באזונדערע אויסדרוקן, וועלכע ער האָט זאָרגזאם ארויסגעשריבן פון „סאָוועטיש היימלאנד”.

— איצט לייען איך שוין, ווי א וואסער, — האָט ער זיך בארימט.

אפן אָוונט איז ער געקומען צוזאמען מיט זײַן פרוי און זייער פופצנייאָריק באָכערל, וועלכער פארשטייט ניט שלעכט יידיש און כאפּט שוין אויך א קוק ארײַן אין „סאָוועטיש היימלאנד”. גיין מישפּאָכעסווײַז אין טעאטער און אף קאָנצערטן איז אין קאָוונע א געווינהײַט.

ווען דער אוילעם האָט געדיכט פארפולט דעם צושויער־זאל, האָט מען דערזען, אז ס'איז ניט מעגלעך ארײַנצונעמען אזויפיל מענטשן. מע האָט געמוזט צושטעלן צוגאָב־ערטער, קעדיי אלעמען באפרידיקן.

ענדלעך האָבן די צושויער זיך אײַנגעמאָסטעט אף זייערע ערטער. גלײַך נאָכן דריטן גלעקל האָט זיך צעעפנט דער פאָרהאנג. אין סאמע

צענטער פון דער בינע איז געהאנגען שאָלעם־אַלייכעמס פּאָרטרעט מיט דער געדענק־דאַטע פון דעם שרײַבערס 60־טן יאָרצײַט.

און אָט זײַנען לעקאָוועד דעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַ־טור אויסגעהערט געוואָרן די ארויסטרעטונגען פון א פאָרשטייער פון די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך א באַגריסונג־וואָרט אין נאָמען פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

צו אָט דער צײַט זײַנען די הינטערקוליסן שוין געווען פאַרפולט מיט אַרטיסטן־ליבהאָבער, וועלכע האָבן זיך צו דעם אָוונט געגרייט מיט דער העכסטער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

דעם קאָוועד צו עפענען די גרויסע קאָנצערט־פּראָגראַם איז אויסגע־פאַלן אויף די געסט, דער אײַנגעלאַדענער יוגנט־גרופּע פונעם ווילנער פאָלקס־טעאַטער. באַגריסנדיק די קאָוונער קאָלעגן מיט זייער פריידיקן אָנהייב, האָבן די ווילנער באַוויזן א נײַע אַרבעט פון זייער דראַמאַטישן קאָלעקטיוו — שאָלעם־אַלייכעמס באַוווּסטן איינאַקטער „מאַזלטאָוו" אין אַן אייגנאַרטיקער שטעלונג פונעם יונגן רעזשיסער איגאָר סערגייקאָ.

אויב זיך נעמען איבערדערציילן אינקורצן דעם אינהאַלט און דעם כאַ־ראַקטער פונעם ערשטן קאָנצערט, וואָס עס האָט צוגעגרייט דער קאָוונער זעלבסטטעטיקער קאָלעקטיוו, דאַרף מען אונטערשטרײַכן דעריקער דאָס, וואָס די פּראָגראַם איז אין גרונט באַשטאַנען פון צוויי זשאַנרען — פון געזאַנג און טענץ, דעריקער פון פאָלקס־טענץ, פאָלקס־מעלאָדיעס און ליי־רישע זינג־לידער.

אַזויאַרום, האָט דער קאָוונער אוילעם פאַר זיך געזען א קאָלעקטיוו פון אַריבער פופציק אָנטיילנעמער, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן איינער נאָכן אַנדערן מיט וואָקאַלע נומערן און קאָלעקטיווער כאָרעאָגראַפיע, בילדנדיק אַן איינהײַטלעכע פּראָגראַם פון געזאַנג און טענץ.

א באַזונדערן אָרט אין דער קאָנצערט־פּראָגראַם האָט פאַרנומען יאַקאָוו בעלצערס קינסטלערישע פאָרלעזונג פון שאָלעם־אַלייכעמס א מאָנאָלאָג פון דער סעריע קוראָרט־געשיכטעס. אויף א הויכן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ האָט געשילדערט דער וועטעראַן פון דער בינע שאָלעם־אַלייכעמס קאָמי־שע געשיכטע, וויאַזוי א ייִד האָט אונטערוועגנס, פאָרנדיק מיט זײַן פלוי־נעסטע „אויף די קוראָרטן", אומדערוואַרט און ניט ווילנדיק אײַנגעהאַנדלט אַפּן מאַרק באַ א ציגײַנער... א צווייהאָרביקן קעמל. בעלצער דרינגט אַרײַן טיף אין זײַן ראָל — אינעם געשטאַלט פון א פּראָווינציעלן ייִדן. מיר זעען אים אַן אומבאַהאָלפענעם אין אָט דער געשיכטע, ווען ער קוקט מיט

זײַן ראכמאָנעס־פּאָנעם אף די מענטשן־אָפּלאכער, וועלכע רינגלען אים ארום... ערגעץ ווארט אף אים דאָס ווײַב, און ער שטייט דאָ אינמיטן פון א פרעמדן מארק. ס'ווערט אים קאַלעמוטנע אפן הארצן, ער איז גרייט עמעצן אומקערן די מעציע אין גלײַכן געלט ארײַן, בעכאָצי־כינעם, אפילע גאָר אומזיסט, אבי פּאָטער ווערן פון דעם אָל, פון דער האָרבאטער באַשעפעניש.

ווען עמעצער פון די צושויער האָט בעלצערן נאָכדעם געזאָגט: יאקאָוו יעפּימאָוויטש, איר האָט הײַנט אויסגעזען אף דער בינע נאָך יונג און מונטער, — האָט ער מיט א שמייכל געענטפערט:

— אז מע לייענט שאָלעם־אלייכעמען, ווערט מען ייִנגער. הײַנט, ווען מע טרעט נאָך ארויס צוזאמען מיט אזא בלײַענדיקער יוגנט...

מיר זײַנען אוועקגעפאָרן פון אָט דער געמיטלעכער, גאסטפרײַנטלעכער שטאָט מיט א ווילן — וואָס גיכער זיך אומקערן צו אירע גאסן און פלעצער, און דעריקער צו אירע מענטשן.

אַ פאַרהאַרטעוועטער כאַראַקטער

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ פאָטאָגראַפיע אויף דער ערשטער זײַט פון דער לעטישער רעפובליקאַנישער צײַטונג „ציניאַ“ אין פעוראַל כוידעש, ערעוו דעם XXVI פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. צוויי מענטשן אויפן פאָן פון אַ פראַכט־צוג — איינער אין אַ געווײנלעכן אַרבעטס־אָנצוג און דער צווייטער אין דער אוניפאָרם פון אַן אײַזנבאַנלער מיט אַ קאָקאַרדע אויפן הויכן היטל. און אַן אונטערשריפט: „באַלטישע אײַזנבאַן. סטאַנציע ריגאַ־קראַסטאַ. דער מײַסטער פון אויפנעמען און איבערגעבן אײַזנבאַן־פראַכטן יאַ. בוראַק־ראַבינאָוויטש (לינקס) און דער בריגאַדיר פון דאָקערס וו. אַקסיוציס ווייזירן די פראַכט־דאָקומענטן“.

...אין אָנהייב מאַרט איז אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַרײַנגעקומען אַ באַיאָרטער, נאָר זשוואַווער מענטש. ניט געקוקט אויפן פראַקטיקן דרויסן, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ לײַכט מאַנטל, אויף זײַן אַקסל — אַ טוריסטישער סאַקוואָיאַזש מיט אַ לאַנגן רימען. דאָס אַלץ האָט אים צוגעגעבן ווײליונגערישקײַט און פלינקײַט, און עס איז שווער געווען אויפן ערשטן בליק צו זאָגן, וויפל ער איז אַלט.

דער גאַסט איז אַ לייענער פונעם זשורנאַל, און ער וויל באַ דער געלעגנהײַט פון זײַן באַזוך אין רעדאַקציע אויספילן די באַקאָשע פון זײַנעם אַ ריגער כאַווער, וועלכער האָט אים געבעטן קריגן דאָס בײַלאַגע־ביכל „סאָוועטישע ייִדן: פאַקטן און ציפערן“. מיט נײַגער האָב איך אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט, און כאָטש ער איז געווען ניט אין דער אוניפאָרם, האָב איך אין אים גלײַך דערקענט דעם אײַזנבאַנלער פון יענעם פאָטאָ־בילד.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

מע רופט מיך יאַנקל. יאַנקל סאַמוילאָוויטש בוראַק־ראַבינאָוויטש. אַ געבוירענער אין יעלגאַווע, אַ ייִדיש שטעטל אין לעטלאַנד. אַמאָל, אין די אַלטע צײַטן, האָט עס געהייסן מיטאַווע. איצט לעב איך אין ריגע.

— איז זעצט זיך, ביטע, צו און דערציילט, וואָס עס הערט זיך אין אײַער שטאָט.

די פראַגע איז דעם גאַסט געווען צום האַרצן. לויטן אויפגעלויכטענעם שמייכל האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז פאַרליבט אין זײַן שטאָט.

ער האָט זיך צוגעזעצט, אַ גלעט געטאָן די שוואַרצע וואָנצן, וואָס זײַנען פֿאַרקײַלעכיקט אַף אַראָפּ, עטוואָס אָנגערוקט די געדיכטע ברעמען און געלאָסן אָנגעהויבן:

— ריגע און מאָסקווע זײַנען הײַנטיקע צײַטן, קאָן מען זאָגן, ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. איין נאַכט איבערנעכטיקן אינעם פֿירמענעם עקספּרעס־צוג „דאַוגאַווא״, און מע פֿאַלט אַרײַן אין דעם רוישיקן ריטם פֿון דער הויפּטשטאָט. ריגע, ווי די אַנדערע שטעט אין לאַנד, לעבט איצט מיט די אײַנדרוקן פֿונעם פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. און דאָס שפּירט זיך אויך אין דעם אײַזנבאַן־קנופּ, ווו איך אַרבעט שוין פֿיל יאָרן באַם אָנלאָדן די וואַגאָנען און אָפּטמאָל באַם איבערפֿירן פֿון די וואַגאָנען אין יאַם־שיפֿן די פּראָדוקציע פֿון ריגער אונטערנעמונגען, וואָס זי האָט אַ גוטן שעם אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אונדזער פּראַכט — דאָס זײַנען נײַע טיפּן וועקשטעלן, ראַדיאָ־אַפּאַראַטור מיט דער מאַרקע פֿון דער באַרימטער פֿירמע „וועף״, פֿאַרשיידענע סכוירעס פֿון דער לײַכטער אינדוסטריע.

איך האָב אַרויסגענומען פֿון שופֿלאָד די בײַלאַגע־בראָשור צו „סאָוועטיש היימלאַנד״ און זי איבערגעגעבן דעם גאַסט. ער האָט זיך אַ שפּיגל געטאָן אין איר:

— ס׳קען אײַך אויסזען מאָדנע, נאָר אָט אין אַזעלכע ביכעלעך, ווו עס ווערן געבראַכט פֿאַקטן, בלויז פֿאַקטן, געפֿין איך דעם אָפּקלאַנג פֿון מײַן אייגענעם לעבן...

אַ מענטש אַ האָרעפּאַשניק און פֿון טאָמיד אָן מיט לײַב און לעבן אַ פֿאַרטאָנענער אין פֿאַשטעטער אַרבעט, איז ער פֿאַר זײַן לעבן דורכגעגאַנגען די ניט לײַכטע וועגן פֿון אַלע פֿינפֿיאָרן.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט יעלגאַווע מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ טיפּיש בילד פֿון אַן אָרעם פּראָווינציעל שטעטל אינעם פּריציש־בורזשואַזן לעטלאַנד. אַ שטעטל פֿון שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליערס, באָנדערס און אַנדערע באַלמעלאָכעס, וועלכע פֿלעגן אָפּט זיצן אָן אַרבעט. יאַנקלס עלטערן — שמועל דער שוסטער און די קראַנקע מאַמע — זײַנען פֿון דאַכקעס און נויט פֿרי אַוועק פֿון דער וועלט, און צו דרײַצן יאָר איז ער פֿאַרבליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם. אין אָט דעם עלטער קומט ער אָן אַף דער באַלטישער אײַזנבאַן, ווו ער סטאַרעט זיך אַרבעטן באַגלײַך מיט די דערוואַקסענע. אַזוי, אַז פֿון קיין קינדהײַט האָט יאַנקל ניט געוווּסט. אויך לערנען זיך איז אים אויסגעקומען, ווי מע זאָגט, אַפֿן שפּיץ מעסער, כאָטש געטרוימט האָט ער וועגן דעם אַ סאַך.

אין 1925, שוין אַ באָכער פֿון אַכצן יאָר, אַנטלויפֿט ער פֿונעם בורזשואַזן לעטלאַנד קיין סאָוועטנרוסלאַנד. אָן אַ גראָשן געלט דערקלײַבט

ער זיך ביז לענינגראַד, קומט אָן אלס ארבעטער אף דער אײַזנבאַן און לערנט זיך אין די אָוונט־שאָען אין א שול פאר דערוואקסענע. שפּעטער, אין לעצטן יאָר פארן קריג, האָט זיך אים פארוואָלט א לעב טאָן אין אנדערע ערטער פונעם לאנד. זײַן פּרינציפּ איז געווען: קײנמאָל און אינערגעץ ניט זוכן קײן לײַכט שטיקל ברויט. אָנגעקומען אף ארבעט אלס קוילנהעקער אף אײן שאכטע, נאָכדעם אף אַן אנדערער, האָט ער אָפּגעהאָרעוועט פיל יאָרן אין די צאָפּנדיקע ראַיאָנען, פון זײ צען יאָר אין די קוילן־גרובנס פון כאקאסיע, לעבן דער שטאָט טשערנאָגאָרסק.

און בלויז אין די לעצטע זעכציקער יאָרן, שוין זײַענדיק א פּענסיאָנער, האָט דער וועטעראַן פון מי זיך ווידער איבערגעקליבן אין זײַן אַלטער הײם, קײן לעטלאנד, ווו ער זעצט פאָר אין ריגע די ארבעט אלס אײַזנבאַנלער. איצט איז יאַנקל בוראק־ראַבינאָוויטש באַזונדערס שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער האָט, ניט געקוקט אף זײַנע פיר און זיבעציק יאָר, באַגלײַך מיט די יונגע, זיך געשטעלט אף דער וואכטע פונעם עלפטן פינפיאָר.

פיר און זיבעציק יאָר איז אוואדע אזא עלטער, ווען מע איז שוין פון לאנג אף פּענסיע. בוראק־ראַבינאָוויטש איז אָבער ניט פון די מענטשן, וואָס באַנוגענען זיך מיט די אופּטועען אינעם פארגאנגענעם לעבן און נוצן זיך איצט מיט פארדינטער רו. פיל ייִנגערע פון אים ארבעטער טײַנען:

— יאַנקל איז בא אונדז אַן אויסנאַם...

און אינדערעמעסן, אז מע גיט א קוק אף אָט דעם לעבנסלוסטיקן, קרעפּטיקן מאַנצבל, אף זײַן נאָך געדיכטן קאָפּ האָר, גלײבט זיך ניט, אז ער האָט שוין איבערגעשפּאַנט דעם „פּענסיאָנערישן באַריער". די ארבעט, צו וועלכער ער אײַלט יעדן אינדערפרי, איז פאר אים ניט קײן מוז, נאָר א נויטווענדיקײַט.

אויסער דעם, געפינט ער נאָך צײַט פאר געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט. ער איז א מיטגליד פונעם פּראָפאַרײן־קאָמיטעט, אין וועלכן ס'איז אים פארטרויט צו פארנעמען זיך מיטן סעקטאָר פון שטײַגער־באַדינונג. אין דעם, צום בײַשפּיל, וואָס מע האָט ניט לאנג צוריק, צוליב די באַקוועמלעכקײַטן פון די ארבעטנדיקע, געעפנט אף זײַן באַצירק א נײַע גאָרקיך מיט הײסע פּרישטיקן, איז אויך פאראַן זײַן פארדינסט.

אַן אנדערס מאָל קאָן מען בוראק־ראַבינאָוויטשן טרעפן אין א באַוועגלעכן צוג, אָנגעטאָן אין זײַן אקוראַט אויסגעפּרעסטער אוניפאָרם. ער פילט דאָרט אויס די פליכטן פון א געזעלשאפטלעכן קאָנטראָל־רעוויזאָר. מע קאָן אויך דעם אלטן אײַזנבאַנלער גאַנץ אָפט זען אפן פּראַכט־פּעראָן פון דער סטאַנציע ריגא־קראַסטא, שוין אין דער ראָל פון א רעוויזאָר, וועל־

כער קוקט נאָך, מע זאָל אָפּהיטן די קלאָלים פון אָנלאָדן און אויסלאָדן די פּראכטן.

דאכט זיך, א קלייניקייט: ווען מע לאָדט אָן די וואגאָנען מיט פעסער, דאַרף מען צווישן זייערע שטאבעלן דורכלייגן שמאָלע ברעטלעך, קעדיי די מעטאלענע רייפן זאָלן ניט קומען אין באריר, ווייַל דאָס קאָן בעשאס דער באוועגונג פונעם צוג ארויסרופן הייסע פונקען און דערפון — א סרייפע. דער וואכזאמער רעוויזאָר וועט דעריבער ניט דערלויבן צו פּלאָמ־בירן דעם וואגאָן, ביזוואנען ער וועט זיך ניט איבערצייַגן אין דער גע־נויגנדער איזאָליאציע צווישן די פעסער.

און עס איז מאמעש צו באוואונדערן, פונוואנען עס נעמט זיך אזויפיל ענערגיע בא דעם באיאָרטן האַרעפּאשנעם מענטשן, ווען מע לעבט דאָס לעבן, ווי מיר ווייסן, האָט איבעריקס ניט געבאלעוועט.

אָן אנדערער אין זייַן עלטער וואָלט פון לאנג שוין אויסגעשעפּט דעם נאטירלעכן קויכעס־רעזערוו אף צו טאָן פיזישע ארבעט, נאָר ניט אזא איז יאנקל סאמוילאָוויטש, וועלכער איז, אגעוו, זייַן גאנץ לעבן פארגלייבט אין דער עפעקטיווקייט פון גימנאסטישע און לייַכטאטלעטישע איבונגען, אין די נוצן צו באָדן זיך בא א באליביקן וועטער.

— פריִער, — דערציילט ער, — פלעג איך זיך באָדן פון מארט כוידעש ביז סאָף אָקטיאבער, און אָט איז שוין מער פון עלף יאָר, אז איך באָד זיך אין יאם א קייַלעכיק יאָר און פיל זיך אויסגעצייכנט...

אין איינעם א פעוורואל־טאָג פון הייַנטיקס יאָר האָט א נייַגעריקער אוילעם זיך פארזאמלט באם ברעג פון דער אָזערע באבעליטע, אין ריגע, אפן טראדיציאָנעלן ווינטערדיקן ספּאָרטיוון יאָמטעוו. די ביוראָ פון דער שטאָטישער ספּאָרט־סעקציע אף צו פאַרהאַרטעווען זיך און שווימען אין ווינטער־באַדינגונגען, וועלכע פונקציאָנירט בא דער פריַיוויליקער פיזקול־טור־געזעלשאפט „דאוגאווא", האָט דאָ דורכגעפירט דעם ערשטן טור פו־נעם V רעפּובליקאנישן דורכקוק פון די „מאָרזשן"־81, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט 33 אָנטיילנעמער — פאָרשטייער פון פארשיידענע פּראָפעסיעס און עלטער. יעדערער פון זיי איז, פארשטייט זיך, דורכגעגאַן א שטרענגן מעדיצינישן קאָנטראָל. בוראק־ראבינאָוויטש, דער עלטסטער פון די ריגער „מאָרזשן", האָט צוזאמען מיט די יונגע אויסגעהאלטן ביזן דריטן שלוס־טור, וועלכער איז פאָרגעקומען סאָף מארט אין יורמאלא, באם פארשנייטן יאם־ברעג.

יאנקל סאמוילאָוויטש איז צופרידן מיטן האיאָריקן דורכקוק, באַזונ־דערס מיט דעם, וואָס אין זייער סעקציע זייַנען צוגעקומען נייַן נייַע

„מאָרזשן“. פאר אָט דעם מין ספּאָרט איז עס א היפשער צופלוס. ער האָט ארויסגענומען צוויי פרישע פאָטאָגראַפיעס. אף איינער שטייט די גאנצע בראנזשע אפן פארשנייטן יאם, הארט צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, ווי א קאָלאָניע פינגווינען ערגעץ אין דער אנטארקטיק. אף דער אנדערער זעט מען בוראק־ראבינאָוויטשן אליין בעשאס ער קריכט ארויס פון דער אין אײַזפארקאָוועטער פּאָלאָנקע.

אף מײַן פראגע, צי עס איז ניט צו קאלט, האָט יאנקל סאמוילאָוויטש, וועלכער איז לויטן כאראקטער ניט פרײַ פון הומאָר, געענטפערט:

— פאר אזעלכע פיש, ווי איך, קאָן אויך ווינטער־צײַט דער טײַך זײַן הייס, ווי א סקאָווערדע...

און ער זעצט פאָר גאנץ ערנסט:

— איך באָד זיך שוין צוואנציק יאָר אָן אופהער אין טײַכן און אָזערעס סײַ זומער, סײַ ווינטער. די אײַז־קעלט איז לאכלוטן ניט שרעקלעך. פאר־קערט, אף אייניקע פון אונדזערע ברידער־„מאָרזשן“, וועלכע האָבן ביז דעם געליטן פון פארשיידענע שלאפקײַטן, האָט דאָס ווינטערדיקע באָדן זיך געווירקט ווי א היילונגס־מיטל.

די ספּאָרטיווע געוווינהײַטן, וועלכע האָבן זיך אנטוויקלט בא יאנקל סאמוילאָוויטשן נאָך פון די יוגנט־יאָרן, די שטענדיקע ארבעטזאמקײַט, זײַן פון יאָרנלאנג אויסגעארבעטן פאר זיך זעלבסטקאָנטראָל און זײַן לײַדנשאפטלעכער אינטערעס צו דער געזעלשאפטלעכער סוויווע — דאָס אלץ האָט געשאפן, קאָן מען זאגן, א הארמאָניש ארט לעבן.

אָט די כאראקטער־שטריכן האָבן בא יאנקלען געיארשנט זײַנע איצט שוין דערוואקסענע זין — יורע און וואלערע — די פאָרזעצער פון דער ארבעטער־דינאסטיע. דער עלטערער, יורע, האָט א שעם אף די בוי־פּלע־צער ארום סווערדלאָווסק, און וואלערע איז אן עלעקטראָ־שווייסער אין זײַן געבוירנשטאָט טשערנאָגאָרסק, אין כאקאסיע. ביידע זין שרײַבן דעם טאטן גוטע בריוו, דערציילן וועגן זייערע דערפאָלגן. אין די זומער־כאַ־דאָשים קומען זיי צו פאָרן קיין ריגע, צוגאסט צום טאטן, אמאָל אפילע ביידע צוזאמען. דאן ווערט בא יאנקלען די פרייד נאָך גרעסער. א גאנצן טאָג פארברענגט ער מיט די באָנים אף זײַן אײַזנבאן־באצירק, קעדיי דאָרט א ביסל זיך א בארים טאָן פאר זײַנע קאָלעגן. דערנאָך ווערט מען גאנ־צענע טעג פארפאלן באם יאם־ברעג, וואלגערנדיק זיך אין די ווארעמע זאמדן פון דעם יורמאלער פּליאזש.

יאנקל איז גליקלעך. ווען עס ענדיקט זיך דער אורלויב בא די קינדער, ווערט ווידער שווער זיך צו געזעגענען מיט זיי. איינמאָל, שטייענדיק אזוי באם יאם־ברעג און אײַנקוקנדיק זיך אין דער טיף פונעם זומערדיק־בלויען

הימל, וועלכער גיסט זיך אומבאַמערקבאַר צונויף מיט דער בלויקייט פון דעם יאַם, האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו די זין:

— זעט, ווי וווּנדערלעך־שיין עס איז אונדזער בײַבאַלטיק. עפשער זאָלט איר גאָר אַהער אַריבערפאָרן? פאַר אײַך וועט אין ריגע סטײַען אַרבעט...

— ניין, טאַטע, דאָס — ניט. ווי שיין אָט דער קאַנט זאָל ניט זײַן, סיביר און אוראַל זײַנען אויך שיין... דו ביסט דאָך צוזאַמען מיט אונדז אויסגעווען גאַנץ סיביר, ביזן ווײַטן מיזרעך, געזען די גרויסקייט און צויבערקייט פון די אוראַלער בערג, די רוישיקע, פולוואַסערדיקע טײַכן. מיר זײַנען, ווי פייגל, וואָס פאַרלאָזן ניט זייערע נעסטן. דו האָסט דאָך אויך אָף דער עלטער, נאָך אַזויפיל יאָרן, זיך אומגעקערט קיין לעטלאַנד...

יאַנקל בוראַק־ראַבינאָוויטש גייט, ווי געוויינלעך, יעדן אינדערפרי צו זײַן אַרבעט אָפן אײַזנבאַן־באַצירק ריגאַ־קראַסטאַ.

אַנומלטן איז אין קלוב פונעם באַצירק פאָרגעקומען אַ פײַערלעכע פאַרזאַמלונג פון דרײַ דוירעס אײַזנבאַנלער, אָף וועלכער מע האָט באַלוינט אַ גרופּע קאַדראָווע אַרבעטער מיטן צייכן „וועטעראַן פון מי״. עס איז רירנדיק געווען צו הערן און צו זען, ווי די יוגנט האָט באַגריסט און געערימט די פאָרשטייער פונעם מיטלן און עלטערן דאָר. אין נאָמען פון די וועטעראַנען איז אַרויסגעטראָטן בוראַק־ראַבינאָוויטש.

— מײַן אַרבעט־סטאַזש, — האָט ער געזאָגט, — דערנענטערט זיך שוין צום זעקסטן יאָרצענדליק. איך בין גליקלעך, וואָס מײַן געזונט־צושטאַנד, מײַן אַרט לעבן דערלויבן מיר צו געפינען זיך אין איין ריי מיט אײַך. ווי איר זעט מיך, רעכן איך אויס מײַנע ענערגישע רעסורסן נאָך אָף אַ צוויי פּיאַטילעטקעס...

יאַנקל סאַמוילאָוויטשעס קורצע רעדע האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערע אופלעבונג אין זאַל. און טאַקע, אין אַזאַ עלטער זיך פאַרמעסטן נאָך אָף צוויי פינפיאָרן איז בעפיירעש אַ געוואַגטער און בעקאָוועדיקער אַדערוף.

אינהאלט

די דינאסטיע גורפינקעל 3
גרינע צעכן 14
באם אלטן ברונעם 28
קאָוונער מעלאָדיעס 47
א פארהארטעוועטער כאראקטער 57

יויסעף שוסטער

באם אלטן ברונעם

(פאַרצייכענונגען)

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1981, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

Иосиф Шустер

У СТАРОГО КОЛОДЦА

(Очерки)

М., «Советский писатель», 1981, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 27.07.81. Подписано к печати 18.09.81.
Формат 70X108¹/₃₂. Бумага типографская № 1.
Печ. л. 2. Условн. печ. л. 2,8. Заказ 502.
Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No 10, 1981

© Журнал «Советиш геймланд», 1981